STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00185

A HASENE IN HARBST

Nahum Bomze

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Robert & Nancy Jacobs
in memory of
Mamie & Joseph Goodman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחום באָמזע

א חתונה אין האַרבסט

לידער

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט פון שרייבער,
מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור-פאָנד
ניו־יאָרק, 1949

N. BOMZE

WEDDING IN AUTUMN

A CHASINE IN HARBST

שער־בלאַט און צייכענונגען

פון יהודה טאָפּעל

Copyright, 1949

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK CITY

428

לזכרון מיין אומגעקומענער משפחה

און אַלע קדושים אין מיין היים־שטעטל

סאָסאָוו

אין דעם בוך „אַ חתונה אין האַרבסט" גייט אַריין אַן אָפּקלייב פון מיינע ביז איצט דערשינענע פינעף לידער־זאַמלונגען, ווי אויך לידער, וואָס זענען אין בוך־פאָרם נאָך נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

מיין ערשט לידער־בוך „אין טעג פון דער וואָך" איז געדרוקט געוואָרן אין לעמבערג, אין יאָר 1929 ; די ווייטערדיקע לידער־זאַמלונגען מיינע זענען דערשינען לויט פאָלגנדיקן סדר : „באָרוועסע טריט" — וואַרשע, 1936 ; „לי־טאַי־פּע־איבערדיכטונגען" — וואַרשע, 1937 ; „אַ גאַסט אין פאַרנאַכט" — וואַרשע, 1939 (האַרט פאַר דער דייטש־פּוילישער מלחמה) ; „איבערגאַנג" — לעמבערג, 1941 (עטלעכע טעג פאַר דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה).

דאָס בילד אין בוך איז געצייכנט פון מיין פריינט, דעם קינסטלער מענדל רייף, וועלכער איז יונגערהייט אומגעקומען אין יאַנאָווער קאָנצענטראַציע־לאַגער אין יאָר 1943.

איך דריק אויס מיין האַרציקן דאַנק צו קאָלעגן שרייבער, פריינט אין ניו יאָרק, וואָס האָבן מיר מעגלעך געמאַכט אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך.

נחום באָמזע

א גאַסט אין פאַרנאַכט



ליד

ווי ס׳שפּראָצט אַרויס פֿון ערד דער זאָמען
פּלוצים, אין באַגינען, אומגעריכט,
אַזוי הער איך אַמאָל אין שטאָט מײַן נאָמען
רופֿן און ס׳פֿלאַמט אויף מײַן געזיכט.

איך בלײַב שטיין און ס׳קוואַלט מײַן אינגעווייד
מיט פֿרייד: אַט באַלד און צו מיר גענענט
דער פֿרעמדער. אַ רגע — די זון פֿאַרגייט,
נאָר איך האָב קיינעם נישט דערקענט.

איך בלײַב שטיין און ס׳ציטערן מײַנע קני
אין פֿלאַטער פֿון האַרץ, אין טיפֿן געהער.
איך הויב אויף מײַן קאָפּ — אַ פֿויגל צום פֿלי:
— פֿרעמדער, נישט געזעענער, איך הער...

פרילינג

איך חלום היינט פון זאכן א סך:
פון דראפּען זיך אויף א הויכן דאך,
לויפן באָרוועס איבער פרעמדע הויפן,
שפּילן זיך מיט גרויסע רייפן
און פאַלן איבער א שטיין.
דערנאָך הינקען מיט א ביטער געוויין
צו דער מאַמען. זי וועט ארומבינדן מיין קני
און שרייען: גלייך מיט אַלע פלאַץ-יינגען
לויפט ער אַרום פון אין דער פרי,
נישט אַנדערש — איך וועל אים פאַרדינגען
צו די ציגיינער.

גאָט מיינער,
איך וויל היינט נישט גיין אין שול אריין.
די זון שיינט איבער אַלע שינדל-דעכער,
איך וועל נעמען אַלע מיינע ביכער
און פון דער היים
וועל איך אַנטלויפן גלייך
צום זילבערנעם טייך
הינטער דער שטאָט.
קינדער, לאָמיר טאַנצן אין א ראָד:
רודא — רודא — ראַנע
שיינע פּעסיע-קאַנע.
שטעלט זיך קינדער אויף יענער זייט בריק —
איך וועל לויפן אַהין, איר — צוריק,
דערנאָך זיך וואַלגערן אויף דער ערד.

איך וויל אויף דער פּאַשע אַלע פערד
צעפּלאָשען. אַנטלויפן פאַרן גוי איוואַן;
ביינאַכט אַנידערפאַלן אַ מידער
אויפן בעט און הוסטן פון שלאָף.
די מאַמע וועט מיך אָנטרינקען מיט טראַן
און זאָגן צום טאַטן: איציק, ער הוסט שוין ווידער
דער תכשיט דיינער...

גאָט מיינער,
ברענג מיר נאָך איינמאָל אין חלום די אייער-בייגל,
וואָס מיין טאַטע האָט אַמאָל פון מאַרק געבראַכט.
לאָמיך נאָך איינמאָל דערפילן דעם פלאַטער פון פייגל
איבער אונזער שינדל-דאַך.

איצט, ווען אַלע ווינטן שטורעמען אין געוועט,
פאַרנעם די תפילה פון אַ יידישן פּאָעט,
וואָס האָט זיך פאַרבענקט צום זעגן פון אַ גריל
אין אַ פּשוטן מיטוואָך פון חודש אַפּריל.

תפילה פון מיין מאַמען פאַרנאַכט

האָר, זאָל דיין ליכט זיין נאָר פאַרן טאָג
און די פינצטערניש פאַר דער נאַכט.
און זאָל מיין קלייד — די אָרעמע טראַכט —
ליגן רואיק אויפן בענקל איבער דער נאַכט.

זאָלן אין קלויסטער שטיל זיין די גלעקער,
מיין שכן איוואַן זאָל זיי נישט צעוויגן;
און זאָל דער ווינט ביינאַכט נישט וועקן
די קליינע קינדער אין די וויגן.

לאָז שלאָפן די הון אויף דער לייטער, די פערד אין שטאַלן,
אין מיטן דער נאַכט. —
נעם אַוועק דעם שטיין פון וועג, ס'זאָל נישט פאַלן
דער גנב אין מיטן דער נאַכט.

לאָז שטיל זיין דעם הימל איבער נאַכט —
פאַרהאַלט די בליצן, שטיל איין די דונערן,
זיי זאָלן נישט איבערשרעקן די געווינערן,
נישט פאַר קיינעם געדאַכט.

די יונגע פייגל פאַרהיט פון שרעק
אין ווילדן וואַלד אויף אַ הויכן בוים.
לאָז די וואַסערן נישט אַרויס פון ברעג
ביינאַכט, אין זייער ווילדן שוים.

און מיך אַליין באַשיץ פאַר וואַסער, פאַרן בליץ,
פאַרן פייער איבער מיין דאַך.
און לאָז מיין קלייד — די אָרעמע טראַכט, —
ליגן רואיק אויפן בענקל איבער דער נאַכט.

א גאַסט אין פאַרנאַכט

איך געדענק אַלץ נאָכאַנאַנד:
די זון האָט געגליט, געגליט און פאַרגאַנגען.
פאַרן גאַניק האָט די קאַץ געטאַנצט מיט אַ שטרוי
און דער ווינט געוויגט די זאַנגען.
דער טאַטע האָט געטרונקען טיי
און די מאַמע געוואַשן ס׳געשיר;
ער האָט אַ קלאַפּ געטון אין טיר
און שטיין געבליבן פאַר מיר מיטאַמאָל,
ווי די שיינע פאָנע פון אונזער שול.

„ס׳קאָצל קומט, ס׳קאָצל קומט, אַ גאַסט" —
האָט די מאַמע געשמייכלט און פאַריכט די הויב.
און ער — האָט אַרויסגענומען פון קיישל אַ ווייסע טויב
און מיר דערלאַנגט.
נאָר איך האָב זיך געשראָקן און אַוועק
הינטער דער שאַנק.

„און דאָס איז אונזער מוזינעק, דער קלענסטער,
נחום, קום אַהער צום פענצטער
און גיב אַ קוש דעם גאַסט אין האַנט".
איך האָב אַ קוש געטאָן דעם טויט
און דערפילט: מיינע באַקן ווערן רויט —
אַ בראַנד — — —

מיר חלומט זיך אַמאָל

מיר חלומט אַמאָל: איך בין אַ קינד,
דאָס ווייסע סטענדל פּלאַטערט אין ווינט
און אַלע גרויסע לאַכן.

איך לויף איבער פרעמדע גאַסן פאַרשעמט,
דער ווינט הויבט אויף מיין העמד
און אַלע גרויסע לאַכן.

מען פירט מיך איבער מאַרקן אַרום,
דער געשריי אין מיר ווערט שטום
און אַלע גרויסע לאַכן.

דאָס העמד פון מיין לייב — אַראָפּגעצויגן,
מיין נאַקעט ברענט פאַר יעדנס אויגן
און אַלע גרויסע לאַכן.

און פּלוצים זע: אַ וואונדער גאַר —
איך בין אַ זקן מיט גראָע האָר
און אַלע קינדער לאַכן.

מען פירט מיך איבער ווילדע וועגן,
מיינע טויטע טאַטע־מאַמע קומען מיר אַנטקעגן
און אַלע קינדער לאַכן.

אין בלאָען אָוונט שטיי איך אַליין,
מיט מיין טרויער און געוויין
און אַלע קינדער לאַכן.

זון-פאַרגאַנג אין שטאָט

אויפן העכסטן שטאָק אין שטאָט איז די זון פאַרגאַנגען.
איך וואָלט נישט געוועז געזען דעם העלן שפּיל אויף
שויבן אויפן העכסטן שטאָק אין שטאָט, ווען גראָד מיין
אויג וואָלט נישט געצילט אַרויף צו פלאַטערדיקע טויבן.

איצט איז אויך די זון פאַרגאַנגען אין מיין היים. מיין
היים ליגט ווייט פון שטאָט, — אַ שטיבעלע פון האָלץ און
ליים, אַ פּלויט פון דראָט.

אַז מיין מאַמע פלעגט זען די זון פאַרגיין אין פייער־
בראַנד, איז טונקל געוואָרן איר בליק, איז שטילער גע־
וואָרן איר קול: די הינער פליען אויף דער באַנט און
די קינדער זענען מיד און ווילן שלאָפן גיין.

אויפן העכסטן שטאָק אין שטאָט איז די זון פאַרגאַנגען.

אַז מיין טאַטע פלעגט זען די זון פאַרגיין הינטער אונזער
הויז, פלעגט ער נעמען זיין גאַרטל און זיך לאָזן אין
קלויז. אַ שטראַל איז געפאַלן אויף זיין מידן געזיכט,
ווען מיין מאַמע פלעגט מיטגעבן פאַר טויטע — ליכט.

אויפן העכסטן שטאָק אין שטאָט איז די זון פאַרגאַנגען.

אין מיין היים ליגט דער טוי אויף גראָז. מידע יינגען
זינגען אויף די שטראָז:

„די זון פאַרגייט אין פלאַמען,
די זון מען זעט זי קוים.
אַזוי פאַרגייט מיין האָפנונג,
אַזוי פאַרגייט מיין טרוים.“

הויכער, שלאַנקער סאָסנע-בוים

ד״ר סטאַניסלאַוו ווינצענטי

הויכער, שלאַנקער סאָסנע-בוים,
קום צו מיר בייַנאַכט אין טרוים.

איידער נאָך די נאַכט פאַלט צו
וויג מיך אייַן אין שטילער רו.

זע, ס׳אָטעמען גראָע וועגן
פייכטן הויך פון זומער-רעגן.

יונגע הירשן וועלן באַלד
שרייַען אין לבנה-וואַלד.

הויכער, שלאַנקער סאָסנע-בוים,
ווינטיק אויף מייַן שטילן טרוים,

נעם די שאָטנס דייַנע מיט
און דעם עכאָ פון אַ ליד.

און מיט ברייטע, גרינע צווייגן
וויג מיך אייַן אין בלאָען שווייגן.

שטיל-לעבן

דעם אנדענק פון מענדל ריין

די דינסט טראָגט דאָס שטיל-לעבן
אין דער פרי:
אַן עפל, אַ מערל, אַ באַרנע.
זי גייט מיט שטילע טריט — אַ סאַרנע
אין דעם וואַלד.
אָ, מייסטער סעזאַן,
זע דאָס שטיל-לעבן אין אַ קויש
ביי דער דינסט אין האַנט.
זי גייט. און שפּאַן נאָך שפּאַן
גייט איר נאָך דער רויש
פון שטאָט.
זי טראָגט דאָס שטיל-לעבן
פאַרן באַלעבאָס,
די דינסט.
טראָגט שטיל און גרינג
דאָס שטיל-לעבן
אין איר קויש: אַן עפל, אַ באַרנע,
אַ פלוים —
אין איר האַרץ דער טרוים
נאָכן ווייטן פאַסטוך-יונג.

אָוונט אין די בערג

דער טאָג — אַ מידער וואַנדערער — פאַרגייט
הינטערן וואַלד.
גלעקלעך קלינגען, קלינגען אויפן פליין.
ווייסע שאָף גייען מידערהייט
אָוונט-צייט אַהיים.

דער פאַסטוך — אַ יונגער גלח — טרייבט פאַרויס
די ווייסע סטאַדע.
די שטילע שאָף זענען זיך פאַר אים מתוודה,
נאָר ער זאָגט די זינד נישט אויס.

לבנה איבערן וואַלד — געשטאַלט פון גאָט
היט דעם אַלטן סוד
פון ווייסע שאָף.

אין טייכן,ביימער, גראָזן
ליגט די שרעק פון יונגע האָזן.

אַ חתונה אין האַרבסט

אין אַזאַ מין נאַכט איז דאָס געווען —
איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער
און געזען:
פאַרן גאַניק זענען וועגענער געשטאַנען,
אויבן-אָן מיין טאַטע-מאַמע,
מיין ברודער אין זיין ווייסער וועסט
און אַלע שכנים און געסט.

דערנאָך האָב איך געהערט
פונדערווייטנס הירזשען פערד.
ביינאַכט אין מיין הילצערן וויגל
האָט אַ חלום מיט טונקעלע פליגל
זיי ווידער געבראַכט:

זיי פאָרן דורך וועלדער, טייכן, מילן,
און אַלטע לצים שפּילן
שלעפּעריק און מיד,
דאָס חופּה-ליד.
זיי יאָגן, יאָגן
צו דער כלה אין דער שטאָט,
נאָר אַ לץ האָט אָפּגעדרייט אַ ראָד
פון וואָגן.
— — — — — — — —

און כאַטש זיי ליגן אַלע אין דער ערד
(אפילו מאיר קוגל מיט זיין פערד),
האָב איך פון זיי אַצינד געקלערט.
ווייל ס'איז אַזאַ מין נאַכט ווי היינט געווען,
איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער
און געזען:
בלעטער טאַנצן אינעם ווינט
און איך בין אַליין אין שטוב — אַ קינד
אין שרעק.
זיי זענען אַלע אויף דער חתונה אַוועק,
אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געוואַרט,
נאָר אַלע האָבן מיך אָפּגענאַרט.

איך, וואָס וועל דיך נישט געפינען

דער הונט, וואָס בלאָנקעט אליין
אין דער שטאָט, טראָגט די נאַכט אויף זיין עק
און וויינט אוים מיט שטילן בילן די שרעק
פון נישט פאַרלוירן גיין.

דער הונט, וואָס וועט זיין האָר נישט געפינען,
וועט יאָגן לאַנג נאָך, לאַנג,
מיט שרעק אין די אויגן, שגעון אין זינען,
וואָיען דעם הינטישן געזאַנג
צו דער נאַכט, צום בלאָען באַגינען.

איך, וואָס האָב דיך היינט פאַרלוירן,
שפּאַן שטיל און פּאַמעלעך מיט מיינע טרויערן,
כאַטש די נאַכט אויף מיינע וויעס
פאַרטונקלט דאָס בלאָ פון מיינע אויגן.

איך, וואָס וועל דיך נישט געפינען,
וועל קומען ביינאַכט צום בעט
פון א פרוי, קושן אירע מידע הענט
און וויסן: דער טאָג פאַרגייט
און אונטער בלאָען ראָלעט
פילן דעם פלאַטער פון פרייד.

איך, וואָס וועל דיך נישט געפינען,
וועל אין באַגינען, אָן אַ פאַרוואָס,
צופאַלן צו דער ערד, קושן דאָס גראָז,
פילן: איך בין זאַט מיט פרייד און טרערן
און אַזוי פאַרנאַכט אַנטשלאָפן ווערן.

דער הונט, וואָס וועט זיין האַר נישט געפינען,
וועט אַהיים זיך נישט קערן,
נאָר איבער ווייטע, ווילדע וועגן
וואָיען צום ווינט און צו די שטערן.

דאָרף־גייער

זיי טראָגן אויף די פּלייצעס שוועדע פּעק
מיט קלאָטשע, ציבעלעס, פּעלעבער פון האָז.
זיי גייען מיט שטילסטן גאַנג. אויף די שטראָזן
גייט זיי נאָך די שרעק.

זיי קלאַפּן אָן מיט הארטע פינגער אין אַ טויער
און וואַרטן פאַר די שוועלן אין פאַרנאַכט,
נאָר אַלע טויערן זענען צוגעמאַכט.
אויפן קלויסטער־שפּיץ דער טרויער

פלאַטערט איבער כאַטעס פון האָלץ און ליים.
קראַנקע קראָען קראַקען אויס די שרעק
פון ווילדע וועגן, שטיינער, בלאַנקע העק
און די בענקשאַפט נאָך דער ווייטער היים.

יונגע קעלבער שרייען אויף די וועגן
צו קראַסע קי אין וואַרעמע שטאַלן.
די גייער האַנדלען אין די לעצטע שטראַלן
און טראָגן זיי דער נאַכט אַנטקעגן.

מיין היים

נאָך ר. מ. רילקע

מיין היים — דאָס איז די שעה צווישן טאָג און טרוים,
דאָרט וואו קינדער שלאָפן איין מיד פון שפּיל,
דאָרט וואו זקנים זיצן אין פאַרנאַכט, פאַרהילט
אין שטילע שאָטנס פון אַ לינדן־בוים.

מיין היים — דאָס איז די שעה צווישן טאָג און טרוים,
דאָרט וואו ס׳קלינגען העל די אָוונט־גלעקער
און מיידלעך, איינגעהערט אין אָוונט־שרעקן,
קוקן אין אַ ברונעם ביי אַ קילן פּלויט.

און פון אַלע ביימער איז מיר נאָענט דער לינדן־בוים —
און אַלע פרילינגען פון זיינע צווייגן
זינגען ווידער אויף פון לאַנגן שווייגן
און לעבן ווידער אויף צווישן טאָג און טרוים.

קאַשמאַר-ליד

אין חלום מעג איך שרייען וויפיל איך וויל,
וועט קיינער נישט זאָגן: נחום, זיי שטיל,
די האַנט פון דיין האַרץ נעם אַראָפּ
און הויב העכער אויפן קישן דעם קאָפּ.

ביינאַכט, אין דער ווייטער פרעמד,
אין אַ פּוסטן האָטעל,
קומט אַ גנב און גנבעט מיין העמד
און לאָזט מיך אַליין אויף דער שוועל.

שריי איך אויס
דאָס געשריי פון אַ נאַקעטן מענטש
אין אַ פּוסטן הויז.

שטייט אַ פּלויט, אַ באַרג, שווימט אַ טייך —
לויף איך אַראָפּ צו דעם טייך.

ציט מיין טויטער טאַטע אַראָפּ זיין רימען
און טרייבט מיך צוריק,
איך זאָל אַליין נישט לאָזן זיך שווימען
דורכן טיפן אָרט צו דער בריק.

נאָר אַלע וועגן זענען פאַרשטעלט —
אַ רגע — זיי קומען אָן מיט גראָבע שטעקנס
און צעפּאָכן אַלע שרעקן
פון דער וועלט.

דער טייך ווערט טיפער, אַלע וועגן פאַרמאַכט —
אָט באַלד און ער פאַרפלייצט
דעם פאַרנאַכט
און אפילו זייער גאָט אויפן קרייץ.

הער איך פון דער בלאָער ווייט,
ווי מיין אייגענער עבֿאָ שרייט.

און מיין טויטע מאַמע פון איר פינצטערן גרוב
שרייט מיט אין מיין איינזאַמער שטוב.

נאַכט אין די בערג

„דער שפּאַרבער איבערן באַרג איז אָוועקגעפּלויגן" —
שטיל. מיט פאַרמאַכטע אויגן
האַלזט די נאַכט דעם וועג.
איך אָטעם טיפער פאַרן זון־פאַרגאַנג. באַלד
וועט אין מערב-זייט צעפלאַקערן דער וואַלד.
בייטאָג האָב איך געזען:
כוואַליעס האָבן געריסן שטיינער פון ברעג,
אַ האָז האָט דורכגעשניטן ס׳פעלד מיט שרעק
און מיט ציטער אין די אויערן
ווייטע טריט גענומען לויערן.
הינט האָבן יאָמערלעך געוויינט אויף קייטן.
אַ וואַנדערער, מיד פון פרעמדע ווייטן,
האָט אויף זיינע אַקסלען דערפילט די נאַכט
און פלוצים שטיין געבליבן. געטראַכט
פון אַ שטוב, פון פייער און אַ בעט,
פון מענטשן, וואָס עסן אָונט-ברויט צו זעט.
אַ שפּאַרבער האָט געקרייזט אין די הייכן,
כוואַליעס האָבן ווילד געיאָגט אין טייכן,
אַ פאַסטוך איז אַנגעלאָפן דעם וואַנדערער אַנטקעגן:
— אַ וואָלף, אַ וואָלף אויף ווילדע וועגן!
— אַ וואָלף, אַ וואָלף אויף ווילדע וועגן!

איצט אין נאַכט. אַלע טויערן פון מיין הויז פאַרמאַכט.
אַלע פענצטער צוגעשלאָסן. ס׳פייער אויסגעלאָשן.
די דעק איבער מיין קאָפּ — אַריבערגעצויגן,
נאָר ס׳זעען מיינע צוגעמאַכטע אויגן:
בוואַליעס האָבן אָוועקגעריסן די שטיינער און פאַרטראָגן.
דער וואַנדערער, מיטן חלום פון בלאָע פאַרטאָגן,
ציטערט שטום אויפן פייכטן גראָז,
דער שפּאַרבער האָט פאַרצוקט דעם האָז,
סטאַדעס שעפעלעך ליגן שטיל און ציטערן,
אויף פייפלעך שפּילן פאַסטוכער ס׳ליד פון געוויטערן,
אין כאַטעס קניען קינדער פאַר הייליקע בילדער:
— אַ וואָלף, אַ וואָלף אויף וועגן ווילדע!
— אַ וואָלף, אַ וואָלף אויף וועגן ווילדע!
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
נאַכט. אַלע טויערן פון מיין הויז פאַרמאַכט.

ביי דער שאַפּע

איך האָב צעעפנט די יאַשין־שאַפע,
אַרויסגענומען שטיל דיין העמד
און מיינע הענט די מידע, שלאַפע,
צאַפּלען אויף פאַרשעמט.

דו ביסט אַצינד אין ווייטע שטעט,
וואַגלסט אין דער פרעמד,
נאָר איך, אין שוואַרצן אָוונט־שפּעט,
לאַטע אויס דיין העמד.

אַ פויגל פליט פאַרביי — נישטאָ,
אַ טאָג קומט אויף און פאַרגייט
און מיינע האָר, וואָס ווערן גראָ,
לעשן אויס אין מיר די פרייד.

דו גייסט אַצינד אַרום מיט פרעמדע
אין דער ווייטער, גרויסער שטאָט,
נאָר יעדן אָוונט אונזערע העמדער
שלאָפן אין קאַמאָד.

צו דיר

איך האָב דיך מער נישט ליב. נאָר דיינע האָר
וואַרגן מיך נאָך אַלץ ביינאַכט.
איך קען שווערן, אַז אויף דער וואָר
האָב איך פון דיר נישט געטראַכט.

איך האָב דיך מער נישט ליב. נאָר דיינע אויגן
קוקן אַלץ צו מיר מיט צער.
אין חלום שטיי איך פאַר דיר געבויגן,
ווי אַ דינער פאַר זיין האַר.

איך האָב דיך מער נישט ליב. נאָר דיינע רייד
זינגען ווי רינוועס אין אַ רעגן.
אין חלום בין איך אַלץ נאָך גרייט
דיר נאָכצוגיין אויף אַלע וועגן.

איך האָב דיך מער נישט ליב. נאָר דיינע טרערן
רינען אַלץ אויף מיינע הענט.
כאָטש אויף דער וואָר, קען איך שווערן,
וואָלט איך דיך שוין נישט דערקענט.

איך האָב דיך מער נישט ליב. נאָר אויף וועגן,
אין אַ שעה צווישן טאָג און טרוים,
וועלן מיר זיך נאָך באַגעגענען
אין אַ שעה צווישן טאָג און טרוים.

דאַס יינגל

נאָך ר. מ. רילקע

איך וויל ווערן איינער פון יענע יינגען,
וואָס רייטן דורך די נעכט אויף ווילדע פערד,
מיט שטורקאַצן, ווי צעשויבערטע בערד,
אין שוואַרצן געיעג פון אַ ווינט.
ווי אין אַ שיפל וויל איך שטיין אויבנאָן,
גרויס און צעפלאַטערט ווי אַ פאָן.
טונקל, נאָר אין אַ העלם פון גאָלד,
וואָס גלאַנצט. הינטער מיר, וואָלט איך געוואָלט,
זאָלן שטיין צען מענער אין דעם זעלבן טונקל
אין העלמען, וואָס, ווי מיינער, פינקלען —
אַט קלאָר ווי גלאָז, אַט טונקל, אַלט און בלינד.
און איינער נעבן מיר בלאָזט אַריין אונז רוים
מיט אַ טרומפייט, וואָס בלאַנקט און שרייט
און בלאָזט אַריין אַ שוואַרצע איינזאַמקייט.
מיר פאָרן אין גאַלאָפּ — אַ שנעלער טרוים:
הינטער אונז די הייזער פאַלן אויף די קני,
די גאַסן בייגן זיך קרום אַנטקעגן,
די פּלעצער מיידן אונז: מיר האַלטן זיי
און אונזער רייטן רוישט ווי אַ רעגן.

געזעגנונג

צוויי מענטשן קושן זיך אין גאַס פאַרנאַכט —
רויטע טראַמווייען פאָרן גיכער איבער הייסע שינעס.
אַ שיכור אין אַ קרייז וויגט זיך — אַ צינגל אין אַ וואָג —
און קליינע קינדער קרומען נאָך מיט שטייפע מינעס.

צוויי מענטשן קושן זיך אין גאַס פאַרנאַכט.
דער פּאָליציאַנט שטיקט אין זיך די טרערן,
דער סוחר קוקט פאַרגאַפט. אויפן ראָג
צינדט זיך אָן אַ פלעמל אין לאַמטערן.

צוויי מענטשן קושן זיך אין מיט פון טראָטואַר.
אַן אַלטע גאַסן־פרוי ברעכט אויס אין אַ געוויין:
— ער פאָרט אַוועק, ער פאָרט אַוועק דער יונגער נאַר
און זי, די כלה נעבעך, בלייבט אַליין.

צוויי מענטשן קושן אויס פון זיך די שרעק —
גאַסן־יינגען שטייען שטום פאַרטראַכט.
פייף און לעצטער פּלאַטער. זי גייט אַליין אַוועק
געאָרעמט מיט דער נאַכט.

אליין אין א גאַרטן

טרעפט אַמאָל — זאָל זיך גאָר נישט טרעפן —
אַ מענטש אין שטאָט ביינאַכט
ווערט אין אַ גאָרטן פאַרמאַכט.

אַ שיף אויף ימען — ווייט פון פאָרטן —
איך, אַ מענטש פון שטאָט,
פאַרשלאָסן אין אַ גאָרטן.

אַרום מיר פאַרקייטלט אַלע טויערן,
איך, אַ מענטש מיט מיינע טרויערן,
אין אַ גאָרטן.

איך ציטער: זיי האָבן מיך פאַרגעסן —
איך, דער מענטש פון ענגע גאַסן,
איך דער איינציקער פון מאַסן
אין אַ גאָרטן גאָר פאַרזעסן?

פלאַטערט אויף דעם גראָז מיין שאָטן,
פרואוו איך נאָך אים גיין —
מיינע פריינט האָב איך פאַראָטן
און געבליבן דאָ אַליין?

מיט מיינע שוואַכע הענט
וועל איך אויפברעכן דעם פּלויט.
דער בוים, מיין שכן, איז אַ קאָנפידענט
און די לבנה פּלאַטערט רויט.

די קאַשטאַנען בליען ווייס,
די בלומען — רויט ;
און דאָרטן, דאָרטן, דאָרטן
בליען מויערן,
בליען שטיינער,
בליט דער טויט.
און איך איינער, איינער
אין אַ גאָרטן.

טרעפט אַמאָל — זאָל זיך גאָר נישט טרעפן —
— עפּנט !
— עפּנט !
— עפּנט !

אַ קינד אין הויף

נאַכט. עלעקטרע פון די דראָטן
רייסט צו הימלען זיך אַרויף.
אַ קינד שפּילט זיך מיט זיין שאָטן —
שפּעטע אָוונט-שעה אין הויף.

האַרבסט ברענט שאַרלאַך-רויט אין שויבן
— קילער ציטער פון עלעקטרע-שיין —
דאָס קינד אין הויף פּלאָשעט טויבן
אין אָוונט-דעמער איינינקער אַליין.

דאָס קינד הויבט אויף צום ליכט די האַנט,
די שטאָט אָטעמט האַרבסטיק און קיל —
פאַרנאַכט האָט אַ קינד זיך דערמאַנט
אָן דער נישט געשפּילטער שפּיל.

די גאַס שעפּטשעט שטיל און געהיים.
דאָס קינד האָט ווילד זיך צעשריגן
און פּלוצים געלאָפן אַהיים
אַליין זיך אין וויגל פאַרוויגן.

דעקאָראַציע

איציק מאַנגער

פון פינצטערע קעלערס און הויפן
מיט שטילע טריט אין טרוים
זענען קינדער געקומען צו לויפן
צום שאָטן פון איינציקן בוים.

זענען קינדער געקומען צו פליען
מיט פולע הערצער געשריי:
זיי ווילן, זיי ווילן זען
אַ בוים אין חודש מאַי.

און אַלע פאַרוואונדערט געגאַפט
אַרויף צו די בלעטער און צווייגן,
ביז ס׳האָט די בלאַע נאַכט
פאַרוויגט דעם הויף אין שווייגן.

זענען מאַמעס געקומען פון מאַרקן:
— שיינדל קרוין, איך קען שווערן,
אַז אויפן בוים פאַרן פאַרקן
פינקלט אַ שטערן.

נאָר אויפן באַלקאָן דער גביר
חוזקט מיט שפּאָט:
— דער בוים איז פון פּאַפּיר,
איך שווער אייך ביי גאָט.

זענען קינדער געשטאַנען ביים פּלויט
אין הייליקן פּלאַטער —
און שטיל האָט געלאַכט דער טויט
אויפן בוים ביים טעאַטער.

פארן זון־פארגאנג

מידע פערד שפּאַנען פון די שטאַלן
צו די גרינע סאַנאַזשאַטן
און טרינקען אוים לעצטע שטראַלן
זון הינטער דער כאַטע.

מידע יינגען מיט נאַכט אין די אויגן
טרייסלען עפּל־ביימער אין די סעדער,
צעפּליען זיך פייגל אויף דעכער
און פאַרוויגן דעם אָוונט מיט לידער.

דער אָוונט טוליעט איין די יינגען
מיט שטילע מעשהלעך פון בלאָע הייכן
און פון ווייטע, ווייטע וועגן.
זיי וואַרפן שטיינער אין טייכן
און זעען: אויפן וואַסער־פלאַך די רינגען
נעמען זיך אַרום און טוליען זיך צו ברעגעס.

פליענדיקע בינען זשומען
פאַרן זון־פאַרגאַנג. מיט אָוונט אויף די פליגל
פאַלן שמעטערלינגען צו די בלומען.
ביימער טונקלען זיך אין וואַסער־שפּיגל
און פון דעם ברונעם אין אָוונט־דעמער
ציען פאַסטוכער לבנות מיט אַן עמער.

האַרבסט־ליד

צו אַ פרעמדן מענטש וועל איך געזעגענען:
אומבאַקאַנטער, דו ביסט מיר נאָענט.
מיינע אויגן, וואָס אין אָוונט־דעמער ברענען,
האָבן צווישן טויזנט דיך דערקאָנט.

מיינע אויגן זענען בלאָ. נאָר קאַלינעס גליען
אויף ביימער — רויט פון זון־פאַרגאַנג.
מיין טויטע בענקשאַפט וויל ווידער זיך צעבליען
און פאַרשיכורן מיין קאָפּ מיט וויין־געטראַנק.

קום, לאָמיר נישט זען ווי יונגע ביימער וויאַנען
אין סעדער. אין שטאָט זענען אָפן טויערן
און ס׳ברענט דאָס ליכט. לאָמיר נישט דערמאַנען
צווישן טויטע בלעטער אונזערע טרויערן.

צו אַ פרעמדן מענטש וועל איך געזעגענען:
אין דיינע בלאָע אויגן מיין בענקשאַפט גליט.
אָ, פרעמדער, לאָמיר זיך אַרומנעמען
און זינגען דאָס שטילע האַרבסטיקע ליד.

באָרוועסע טריט



ווי ס׳קריצט אַ מענטש זיין נאָמען

ווי ס׳קריצט אַ מענטש זיין נאָמען אויף אַ בוים אין טיפן וואַלד,
ווי ס׳קריצט אַ מענטש זיין נאָמען אויף אַ פּוסטן שטיין,
אַזוי קריץ איך דורך טעג פון מיין לעבן
דאָס ליד פון נישט פאַרגעסן ווערן.
זאָל דורכגיין עמעצער דורך וואַלד, דורך פּוסטן שטיין
און קלערן:
ס׳וויל אַ מענטש נישט פאַרלוירן גיין.

ווי ס׳רייסט זיך אָפּ אַ שטיק פון ערד
און טראָגט אַוועק זיך מיט דער כוואַליע פונעם טייך, —
אַזוי רייס איך זיך אָפּ פון מיר אַליין,
פון מיינע פיס וואָס זענען מיד צו גיין,
פון מיינע הענט אין רינגען פון דער נויט,
פון מיינע אברים וואָס זענען פול מיט טויט.

ווי ס׳דראַפּעט זיך אַ כוואַליע שטיל צום הויכן ברעג
און פאַלט צוריק אויף זילבערדיקער פלאַך —
אַזוי ריים איך זיך אין מיין טאָג־געיעג
צום געזאַנג פון וועלט,
צום נישט פאַרגעסן ווערן;
אַזוי פאַל איך צוריק אין מיין אינגעווייד,
איך — שווייגנדיקער טרויער,
איך — זינגענדיקע פרייד.

דאָס ליד פון גרעלן לץ ביז צום סוף, אָ, לאָמיך הערן!
כאָטש איך ווייס, אַז ווי אַ קינד איך וועל אַנטשלאָפן ווערן
מיט טיפער שרעק פאַר נאַכט און טויט
און מיט אַ חלום פון בלאָען הימל און פון העלע שטערן.

פערד אין דער נאכט

פערד אין דער נאַכט זענען נאָנטער ווי מענטשן,
ווען ס׳גייט אויף לבנה אַזוי רויט אויף קופּאָלן;
אויף קופּאָלן פון קלויסטערס, וואָס זשאַרען אין אָוונט,
ווען דער טאָג, ווי אַ גוסס, ליגט האַרט פאַרן פאַרקן.

פערד אין דער נאַכט זענען נאָנטער ווי טרערן,
ווען ס׳קומט אויף דערמאָנונג אין האַרץ פון אַ מענטשן;
זענען טיפער פון פריידן, וואָס קוואַלן פון טיפן,
ווע ס׳האָט זיך צעפלאָטערט אַן אָדלער אין האַרצן.

פערד אין דער נאַכט אויף גראַזן פון לאָנקעס,
ווען ס׳בייגן זיך קעפּ אַזוי פרום אַן געשפּאַן,
זענען נאָנטער ווי אומעטן אין צייט פון אָפּשטאַרבן,
זענען ליבער ווי פריידן אין שעה פון באַגינען.

פערד אין דער נאַכט, ווען ס׳האָט אַ רעגן געקאַפּעט
און ס׳זינגען די רינוועס דאָס ליד פון פאַרגיין —
קענען טיפער באַהעפטן דעם צער פון דיין האַרצן,
וועלן טיפער פאַרשטיין די פרייד פון אַ מענטשן.

קינדער שפּילן זיך

קינדער, איך האָב זיך איצט דערמאָנט:
לאָמיר שפּילן זיך אין שפּילן נייע —
יאָסל הויקער וועט זיין געשטאָרבן,
וועלמא גיין נאָך זיין לוויה.

בערל קרעציקער וועט גראָבן גריבער,
— וואָס-זשע האָסטו זיך צעוויינט?
מיר ווילן שפּילן זיך ווי גרויסע
און האָבן נישט קיין שלעכטס געמיינט.

זלאַטעלע וועט וויינען ווי די מאַמע,
איציק, יאַנקעלע און בערל בלינדער
וועלן טרויערן ווי די טאַטעס
נאָך די יונגע, טויטע קינדער.

לאָמיר שפּילן זיך אין שפּילן נייע —
קינדער, איך האָב זיך איצט דערמאנט:
לאָמיר ווי די טאַטעס איבער הייזער
גיין מיט אויפגעשטעלטער האַנט...

דאָס געוועלב פֿון מײַן פֿעטער

דאָס געוועלב פֿון מײַן פֿעטער איז נישט גרויס און נישט קליין:
צוויי מעטער די ברייט, דריי מעטער די לענג.
אויף דער שוועל פֿון געוועלב שטייט מײַן מומע און וויינט:
— אַ וויסטע קרענק, אַ וויסטע קרענק!

די טיר פֿון דער קראָם איז אויך ווינטער־צײַט אָפֿן —
איז די פּוטער שוין אַלט, דאָס ברויטל שוין דאַר.
נאָר דער פֿעטער טוט אַלץ נאָך דעם פּויער פֿאַרלויפֿן:
— כאַדיט סיודאַ, כאַדיט סיודאַ!

קומט דער פּויער אַרײַן: — גוט מאָרגן אַווראַם!
דו האָסט דאָך קיין סחורה בײַ דיר אין דער קראָם.
ס׳איז דער הערינג נישט פֿריש, דאָס ברייטעלע — דאַר
און איך בין, אַווראַמטשו, שוין מער נישט קיין נאַר.

רייסט עלקע, מײַן מומע, בײַם פּויער די פּאָלע
און דער פֿעטער דערשראָקן די טיר אים פֿאַרשטעלט:
— יעי באָהו איוואַניע, אַנטלויף נישט, פּאַוואָלי,
ס׳איז נאָך אַזאַ סחורה נישטאָ אויף דער וועלט!

אַ קלונג פֿונעם גלעקל — דאָס קרעמל פֿאַרמאַכט,
דער פּויער איז אַוועק אין אַנדערן געסל —
שטייט די מומע און שעלט, און דער פֿעטער פֿאַרטראַכט
קוקט, ווי ס׳ליגן די הערינג פֿאַרשעמט אינעם פֿעסל.

האָט אָפּגעדאַרט דער לעצטער בוים

אין מיין היים האָט אָפּגעדאַרט דער לעצטער בוים —
שכנים העגנען אויף די צווייגן ווינדעלעך פון קינדער
און וועסטל-שפּענצערס פון די אַלטע.
און אַז אַמאָל, אין פרילינג-צייט, אויף אַ צווייג
צעבליט אַ קנאָספּ
(ווי רויטקייט אויף אַ שווינדזוכט-הויט),
קומט די הונגעריקע קאַזע פונעם שניידער פּיניע
און שטרעקט איר דאַרן האַלז
אַרויף
צום בלאַט דעם גרינעם.
און יעדן אָוונט, ווען גלעקער קלינגען
פון אומעט דאָס געקלאַנג —
שטייט אַ קראָ אויפן שפּיץ פון עפּל-בוים
און קראַקעט מעלאַנכאָליש
דאָס קראַאישע געזאַנג:
קראָ — אַ —
— — נק!

אונזערע מאַמעס שטאַרבן

זיי הערן דורך נעכט דעם טומל פון בוענאָס־איירעס און ניו־יאָרק
און דאָס געוויין פון אייגענע פאַרפייניקטע גלידער.
חלומען זיי: פויסטן, געשריי און בלאַנקע שווערדן,
תפיסה, קינד, געזאַנג פון האָפּערדיקע לידער.

זיי פאַרגלייכן ס׳לעבן צו אַ משל פון דער תחינה:
ווי אַ חתונה אין שטעטל אונזער לעבן. שפּילט אַ פידל,
ווײנט די פלייט,
אַרום אונז מעשים, ווי הויפנס גאָלד, און די מוזיק
שפּילט און שפּילט,
נאָר פּלוצים — אונזער טאָג ווי אַ בעטלער פונעם שטעטעלע
פאַרגייט.

זיי פאַרגלייכן ס׳לעבן צו די ווייזערס פונעם זייגער,
לאָטען פאַרן מאָן דאָס העמד, גרייטן פאַר די קינדער ברויט;
פאַרטאָג זעען שכנים: אויף דעם שטרויזאַק פון געלעגער
ליגט אַ מאַמע, ווי אַן איינגעשלאָפן הינדל — טויט.

ווי פייגל אין די נעסטן שטאַרבן אונזערע מאַמעס.
שטיל, אָן ליאַרעם, אָונט-צייט, ווען זון פאַרגייט,
הייבן זיי די הענט צום האַרץ ווי צו אַ תפילה
און עס וויאַנעט לעצטער טאָג — אַ בלום אויף דער בייט.

שטיל, ווי בלעטער אויףביימער שטאַרבן אונזערע מאַמעס,
מיניען זיך אין זומער-טעג אויף האַרבסטיק-געלע פאַרבן;
הייבן זייערע בליקן צום סופיט און שעפּטשען לעצט געבעט:
„ווייִנט נישט, קינדער! — און זיי שטאַרבן — —

באַלאַדע פון זינגענדיקן פריזירער

און אַ טרויעריק-אומעטיקער פרוי,
וואָס שטייענדיק באַגינען ביים שפּיגל
דערזען האָט איר קאָפּ — גרוי.

— מאַדאַם, עס אַנדולירט מיין פלינקע האַנט
האָר פון מיידלעך און פון פרויען גראָע.
פאַר אייך לאָקן, אָדער גאָר אַ יינגל-קאָפּ?
אייערע אויגן זענען בלאָע.

אויף דער וואַנט אַ זייגער, אַ קאַלענדאַר,
און פון שכנותדיקן צימער יינגלשע געזאַנגען.
פאַרן שפּיגל טרויערט שטיל אַ גראָע פרוי
נאָך אַ טאָג, וואָס איז פאַרגאַנגען.

— פריזירער, זינגענדיקער פריזירער,
פאַרבט מיינע האָר אויף קופּער-רויט!
געשמייכלט האָט די פרוי, געקלונגען די שער
און הינטערן פאַראַוואַן געשטאַנען איז דער טויט.

אַלטע מיידלעך

זיי צעקוועטשן אין ווינקל פון סופיט די שפינען
און חלומען אין פאַרנאַכטן אויף שפּאַציר —
אפשר וועט אַן אַלטער קאַוואַליר
זייער שיינקייט אויסגעפינען.

זיי צופּן פון די קעפּ גראָע, חוצפּהדיקע האָר
און קוקן לאַנג אין דעם פאַרשטויבטן שפּיגל;
זעען ביי די שכנים וויגן זיך די וויגן
און הערן דאָס געשריי פון קינדער יאָר נאָך יאָר.

זיי שעמען זיך פאַר מאַמעס, טרויערן שטומע
און שטיקן אוים דורך טעג פּרינצן אויף די בילדער.
אין פאַרנאַכטן ווערן אַלטע מיידלעך מילדער
און גיסן וואַסער אונטער אָפּגעוועלקטע בלומען.

זיי טרייבן בייז די שוואַצע הפקר-קעץ,
קוקן דורכן פענצטער ווי יונגע הינט זיך פּאָרן
און קנייפּן קליינע יינגלעך אין די הינטנס,
זינגענדיק: „קינדער-יאָרן, זיסע קינדער-יאָרן".

איצט, ווען אַלע לאַמפּן

איצט, ווען אַלע לאָמפּן זשאַרען אויף מיט ליכט
און ברענען תאַוהדיק פאַר דער נאַכטס געלעגער —
כוואַליעט אויף מיין בלוט, ברענט רויט מיין גזיכט
און איך ציטער ווי אין וואַלד אַ יונגער יעגער.

זע, אַזוי פּלוצים איז דאָס אַלץ אַוועק:
איך האָב געלייגט זיך ביי דער שיין פון טאָג
און אויפגעכאַפּט זיך אין פאַרנאַכט. אַ שרעק
פון מיינע טיפענישן האָט אָנגעיאָגט.

נאַכט. טראַמווייען קלינגען. פון דער באַן
דער פייף רייסט זיך צו מיין העכסטן גאָרן.
איך בין אַ שעה פאַרשלאָפן און דער וואַן
זינגט דאָס ליד פון אַלע מיינע טויטע יאָרן.

איבער מיר טאַנצן שאָטנס שיכור אויף די ווענט
(מיין טויטער מאַמעס האַנט גלעט מיין הויט) —
איך דריי ארוים דאָס ליכט מיט ציטערדיקע הענט
און פיל: איך דריי ארוים מיין לעבן פונעם טויט.

לאָקאָמאָטיוו שניידט טיפֿער די נאַכט

לאָקאָמאָטיוו שניידט טיפֿער די נאַכט,
ווי מיט שאַרפֿע, שטאָלערנע זעגן.
דורך וועלדער זינגען די רעדער
דאָס ליד פֿון פֿאַרוואָרפֿענע וועגן.

ביים פֿענצטער אַ מענטש ברומט אַ ליד:
„ווער רייט אַזוי שפּעט דורך נאַכט און ווינט״?
איך — דער פֿאָטער, איך — דאָס קינד.

מיין שכן אויף דער באַנק בענקט צו היים,
מיין שכן אויף דער באַנק בענקט צום ווייב
און קושט אין דער ווייטקייט איר לייב,
און הערט ווי ס׳זינגען די רעדער צעגליט
דאָס שטילע, פֿאַרחלומטע ליד:
אָ, לייג זיך, אָ, לייג זיך אין בעט,
אָ, ליבער, מיין ליבער, ס׳איז שפּעט.

זיין פֿרוי האָט בלאָע אויגן
און בלאָנדע האָר ווי זאַנגען;
בראָפּעט הויך מיין שכן
אויף זיין וועג דעם לאַנגן.

לאָקאָמאָטיוו שניידט נאַכטיקע קנוילן,
דער מענטש ביים פענצטער ברומט זיין ליד:
אין מיין היים שטייט אַ בוים,
וואַקסט ער איינגעבויגן,
זענען אויף די צווייגן
יונגע פייגל אָנגעפלויגן.

ביים פענצטער אַ מענטש ברומט זיין ליד. —
ווינט אין די פליגלען פון מילן
הערט ווי ס׳זינגען די גרילן
צו נאַכט און צו שטערן.

לאָקאָמאָטיוו שניידט טיפער די נאַכט.
מיט שינעס באַהעפטן זיך רעדער צעגליט —
מיין געזאַנג איבער וועגן פאָרט מיט.

אַזוי האָבן זיי געטאַנצט

אַזוי האָבן זיי געטאַנצט, געהוליעט ביז באַגין —
און אַז דורך פענצטער האָט אַריינגעבלאָזט דער טאָג,
האָט עמיצער, אַ מענטש, הויך און דין,
צו זיי, די אַנטשוויגענע, אַזוי געזאָגט:

— אַ, פרויען, אַ, מענער און אפילו קינדער,
לאָמיר טאַנצן, לאָמיר האָפּקען, לאָמיר זינגען!
אונזער לעבן, ווי אָט דער טאָג, איז פול מיט וואונדער,
לאָמיר שליידערן די זאָרג, ווי אין אַ צירק רינגען.

אַ, לאָמיר באַלאַנסירן מיט שטילע טריט אַלץ גרינגער
אַנטקעגן אונזער טאָג, וואָס איז נאָך פול מיט הונגער.
אַ, לאָמיר אַלע, אַלע פליעסקען הויך אַנטקעגן
דער זון אויף אַלע סטעזשקעס, אַלע וועגן.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זיי האָבן געטאַנצט, געהוליעט ביז צום בלאָען באַגין
(ביים פענצטער האָט דער יונגער טאָג געהויערט);
נאָר אַז דער ליץ האָט דאָס ליד פון טאָג געזונגען —
האָט אויף זייערע פּנימער זיך פאַרצויגן שטילער טרויער.

נישט אַוועקגעשיקטער בריוו

טוט מיר אַזוי וויי, איז מיר אַזוי באַנג, —
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ פאַרלאַנג
צו שרייבן דיר אַ בריוו.

ליגט די פעדער, גרייט איז טינט און פּאַפּיר,
נאָר וואוהין זאָל איך שרייבן דיר,
אָ, ברודער?

צי בין איך נישט אַ דיכטער, אַ נאַר,
וועלן שרייבן אַ מענטשן, וואָס איז פעברואַר
פון פאַראיאָר געשטאָרבן?

שרייבן צו דיין קבר אויף פרעמדער ערד,
אַז ס׳האָט קיינער, קיינער פון דיר נישט געהערט
אין דענוועד.

איך שרייב. זאָל מען ווערן געוואָר
פון אַ מענטש מיט בלאָע אויגן, בלאָנדע האָר
און אַ האַרץ ווי אַ ליד.

איך האָב אָנגעשריבן אַזויפיל נייע לידער,
איך וואָלט זיי וועלן דיר שיקן, אָ, ברודער.

אין אַ האַרבסט־נאַכט

האַרבסט ברענט שאַרלאַך־רויט אין שויבן
און וואַלגערט די בלעטער אויף וועגן.
מיין חבר איבער די גאַסן פון שטאָט
גייט אַהיים זיך געזעגנען.

ער וועט אַנקלאַפּן אין טיר און איר זאָגן:
— מאַמע, לאָז די טיר שוין נישט אָפן.
איך וועל היינט ביים חבר פאַרבלייבן
און דאָרט אויבעט שלאָפן!

די מאַמע וועט קוקן דערשראָקן
מיט האַרבסט אויף די ציטריקע ליפּן:
— ס'איז ווידער שוין עפּעס פאַרלאָפן,
זון מיינער, קוים וואָס איך זשיפּע.

אויפן געלעגער ביינאַכט זי וועט וואַכן
און הערן פון אומרו די קלעפּ —
און איבער דעם הויז-קאָרידאָר
וועט הוליען דער ווינט אויף די טרעפּ.

פרילינג אויף דער זון־גאַס

דעם אנדענק פון דיכטער־פארטיזאן י ע ק ב ש ו ד ר י ך

האָבן זיך צעבליט די קעפּלעך פון אונזערע קינדער
(בייכלעך אָנגעבלאָזענע, פיסלעך — דאַרע) —
פון די מיסט-קערב קעגן זון גייט אויף די פּאַרע
צו דער בלאָקייט פונעם הימל ווי אַ וואונדער.

האָט זיך צעשפּילט רעוומאַטיזם אין מיין שכנס פוס
(אָ, רעגן מאַכט פעט די ערד און ביימער גרין) —
פון סוטערינעס דאָס געזאַנג פון האָפּערדיקע זין
גייט אויף צום פרילינג ווי אַ נאָנטנס גרוס.

אין טיכער ברודיקע האָבן מיידלעך רויט געשפּיגן
(ס׳איז מילד דער פרילינג, אין פאַרבן זאַט) —
אויף טרעפּ וואַלגערט זיך פאַרבלוטיקטע וואַט,
צו דער גאַס פון זון רייסן קינדער זיך פון וויגן.

אין שטייגל זינגט אַן אַלטער פויגל מיט יונגער האָפענונג
(אויף בערג שטראַלן זוניקע, אולטראַ־פיאָלעט) —
אין קעלער האָט שווינדזיכטיק זיך צעוואַקסן אַ קאַרטאָפל,
אין די שטיבער גייט אויף דער אָווער פון קלאָזעט.

אויף פרינצן אויסגעשטיקטע קריבן וואַנצן,
רייסן זיך צו זון פון שטיינערדיקע ווענט, —
אין הויפן זינגען קאַליקעס און קונצנמאַכער טאַנצן
אַ טאַנץ פאַר ברויט מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

אויף ווענט זינגען רינוועס אין פרילינגדיקן רעגן,
אין קאָרידאָרן פינצטערע גראָע קעץ זיך פאָרן —
און פון די הייזער, פון די גאַסן, פון די וועגן,
גייט אויף געשריי פון מענטש צום העכסטן גאָרן.

איך האָב נישט געזען

איך האָב נישט געזען פון קאַרשן-בוים דאָס בליען,
פון עפּל-בוים דעם רויטן צווייַג.
איך האָב אין פאַרשטאָט נאָר געהערט
סקריפּען אויף דער מאַנדאָלינע
מעלאָדיעס פון אַ טרויעריק ליד.

איך האָב דעם פרילינג געזען אין מאַרק דעם גרינעם,
אין יונגע בלעטער פון אַ רעטעך,
אין אָפּגעוועלקטן טוליפּאַן;
אויף פּנימער פון מענטשן, וואָס ציען דורך דער שטאָט
אין הונגער-קאַראַוואַן.

איך האָב נישט געזען דאָס רויטע בליען פונעם בעז,
די ווייסע גלעקלעך פון קאָנוואַליע;
איך האָב אין פאַרשטאָט נאָר געזען בלומען אָפּגעוויאַנעט
אין צעבראָכענעם געפעס;
איך האָב דעם פרילינג היינט געזען אויף הענט פון מאַמעס
ביי דער פאַרעדיקער באַליע.

איך האָב אויסגעדרייט דאָס ליכט

איך האָב אויסגעדרייט דאָס ליכט פון צימער. —
ס׳איז אַלץ דאָ ווי געווען:
אויפן טיש
דאָס בוך מיט לידער נישט פאַרמישט,
די בענקלעך שטייען ווי געשטאַנען,
די בלומען נישט באַגאָסן, וויאַנען,
דאָס בעט נישט צוגעדעקט
און ס׳טריפן טראָפנס וואַסער
פון די קראַנען,
ווי אין דער פרי,
ווען איך בין אין גאַס אַוועק.
ס׳איז שפעט. דער בליץ־לאָמפ ברענט,
איך זאָג צו זיך אַליין:
פאַרלעש דאָס ליכט!
איך דריי אַריין דאָס ליכט
און אין דער פינצטער דערזע איך קלאָר
מיין אָפּגעלעבטע וואָר.

אַ סך זאַכן

אַ סך זאַכן האָב איך נישט דערציילט,
וואָס ס׳לוינט דערציילן:
איך שפּאַן אריבער טויזנט מיילן,
ווי אַ שפּאַציר;
אַז אין מיטן טאָג דעם העלן
באַפאַלט מיך אָפט אַ שרעק
פאַר זיך אַליין און פאַר אַלע אַרום מיר;
אַז אין אָוונט
דערפיל איך אין מיין האַנט אַ מעסער. —
נאָר עמיצער — איך ווייס נישט ווער —
לעשט מיין בראַנד,
שמירט מיך מיט אַ זאַלב.
איך לאָז דאָס מעסער פון מיין האַנט
און בלייב שטיין — אַ קאַלב,
וואָס דערזעט צום ערשטן מאָל די וועלט.

***

לאָמיר נישט באַזינגען דאָס שיינע —
עס איז פֿאַר זיך אַליין געזאַנג.
איך וויל דערהערן דאָס געוויין נאָר
פֿון דער קרומקייט אין איר גאַנג.

צו וואָס באַוואונדערן דאָס בליען —
עס איז פֿאַר זיך אַליין אַ ליד.
פֿאַר דעם וויאַנען איך וויל זיך מיען
פֿון אַ בוים וואָס האָט פֿאַרבליט.

עלעגיע

די נישט פאַרקויפטע עקזעמפּלאַרן פון מיין בוך
וועלן וואַלגערן זיך אין אַלטער שאַפע. —
מיין מאַמע וועט באַדויערן: כּדאי געוועז דעם קאָפּ צו דאַרן!
אין איר האַרץ אַ קנאה צום שכנס יינגל — איציק, —
אַזויפיל אַלט ווי איך און באַוויזן געלט צו שפּאָרן.

צווישן טויזנט זייטן פון זלמן רייזינס לעקסיקאָן,
צווישן צענער, הונדערטער און אפשר טויזנטער געזיכטער,
וועט שמייכלען אויך דער פּרצוף איינגעפאַלענער פון מיר —
נחום, איינער האָט געהייסן נחום — יונגער דיכטער.

דערווייל

דערווייל האָבן פֿייגל זיך צעפּלאַטערט פֿאַר מײַן פֿענצטער
און אַנטקעגן זון שמייכלען אַלע פֿאַרבן פֿון אַ רעגנבויגן.
וואָס־זשע אַרט מיך, אַז דאָס ליד פֿון יונגן פֿרילינג
ווי אַ בלעטל פֿון מײַן לעבן איז פֿאַרפֿלויגן?

און אַז דער עובֿר־בטל — טויט וועט גרייטן זיך צו מיר,
וועל איך זיך נישט שרעקן און אַנקלאַפּן אויף מײַן טיר אַ ברעטל
(ס'פֿאַרשטייט מסתּמא דער טויט דאָס ייִדיש פֿון אַ דיכטער):
נישטאָ איז נחום אין דער היים, ביטע שפּעטער!

לי-טאַי-פּע

איבערדיכטונגען



דאַס אייביקע ליד

איך מאָל אותיות, באַהויכט פון איינזאַמקייט און ווײ.
דער באַמבוס כוואַליעט ווי אַ ים.
אויף בלעטער גלאַנצט דער טוי ווי פּערלשנירן;
איך שרייב לידער אויף גלימערנדע פּאַפּירן,
ווי בלומען־צווייט אויסגעשיט אויף שניי.

ווי לאַנג דויערט דער מאַנדאַרין־ריח אונטערן אָרעם
פון אַ פרוי?
ווי לאַנג בליט דער שניי אין זונען־שיין?
אָ, ליד מיינס, וואָס איך שרייב אין איינזאַמקייט,
זאָלסט קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגיין!

ליד וועגן זאַרגן

דער וויין איז דאָ און דער ווירט איז גרייט.
שענקער, דערלאַנג נישט דעם געטראַנק,
ביז איך וועל נישט זינגען דאָס געזאַנג
וועגן טאָג וואָס פאַרגייט.
אז דער טרויער קומט, ווערט ליד און געלעכטער שטיל,
קיינער ווייסט נישט ווי ס׳גרילצט די טויטע גריל.

אַ — האַ... אַ — האַ...

שענקער, דו שוימסט דעם וויין אין בייכיקע פעסער
און איך פאַרמאָג אַ פּליט און אַ שאַרף מעסער.
מיר טרינקען דעם וויין און זינגען פאַר פרייד,
ווען אין זאַק ליגט דאָס גאָלד,
דאָס מעסער אין שייד.

אַ — האַ... אַ — האַ...

דער הימל איז אייביק. זאָל ער פון זיין אייביקייט פאַרגינען
אויף דער ערד. אָ, ווי לאַנג וועלן מיר זיך פרייען
מיט גאָלד און וויין אין פאַרביקן שפּיל?
הונדערט יאָר קומען, הונדערט יאָר פאַרגייען.
מיט לעבן און טויט שפּאַנען מיר צום ציל.

אַ — האַ... אַ — האַ...

אָ, זעט ווי לבנה זילבערט די דעכער
און צווישן די גריבער ציטערט אַ מאַלפּע און הויערט,
יאָמערט און שרייט אין געוואַי פון טרויער.
ברידער, קלינגט אָן מיט די גלעזער, קערט איבער די בעכערס
אָט אַזוי, אָט אַזוי.

אַ — האַ... אַ — האַ...

די דריי חברים

צווישן בלעטער פון יאַשמין זיץ איך ביים ווייַן —
בלויער אָוונט-דעמער — אונזער היטער.
איבער די ביימער פאַרנויגט זיך די לבנה מיט
גאָלדענעם שיין
פאַרנייג איך זיך אויך און דער שאָטן — דער דריטער.

די לבנה וויל טרינקען — זאָל זי וועלן.
דער שאָטן הויבט דעם בעכער,
נאָר דער שוטה וועט קיין טראָפּן נישט באַקומען.
איך וויל דעם דורשט פוןביידע אין מיר שטילן,
טרינקען און לאַכן, זינגען און שווייַגן,
כל-זמן ס׳קלאַפּן נישט אויף דער ערד די דאָרע צווייַגן.

קוקט אָן די לבנה: זי לאַכט צו מיינע געזאַנגען און ווייַן.
קוקט אָן דעם שאָטן: ער טאַנצט, ווי קיינער וואָלט
אים נישט הערן.
אַז דער נעפּל פון רויש וועט איינהילן מיין שטערן,
זייט שיכור ווי איך און שלאָפט מיט מיר איין.

חברים מיינע, מאָרגן אָוונט, צום ווידערזען ביים ווייַן!

די ווייסע און די רויטע רויז

איך האָב זיך דורכן פענצטער היינט פאַרקוקט,
ווען איך האָב די ווייסע רויז אויסגעשטיקט.
האָט די נאָדל זיך פאַרשטאָכן אין מיין הויט
און די ווייסע רויז איז געוואָרן רויט.

אויף די ווייטע פעלדער, צווישן באַרג און טאָל,
איז אַוועק מיין ליבער מיט אַ שווערד פון שטאָל.
שוועסטער מיינע, הערסטו? איך האָב געהערט,
ווי ס'טופּעז, טופּעז, טופּעז פערד.
רייט ער אפשר דאָרטן מיט זיין שווערד?
ניין, איך האָב דאָס קלאַפּן פון מיין אייגן האַרץ געהערט.

אויף די פעלדער בלוטיקט אונזער לאַנד,
פאַלן מיינע טרערן אויפן זייד־געוואַנד.
העפט איך מיינע טרערן אין דעם זיידנס איין,
זאָלן מיינע טרערן ווייסע פערל זיין.

די יונגע פֿרוי אויפֿן טורעם

אויפֿן טורעם שטייט אַ יונגע פֿרוי און וואַכט.
פֿון די יענטשי-בערג, ביים אָנקום פֿון דער נאַכט,
פֿלאַטערן בלעטער — ברוינע פֿייגל איבער וועגן —
אויף אַלע פֿעלדער לויערן געפֿאַרן.
דורך דונער, בליצן, האַרבסט און רעגן
גרייטן זיך אין מדבר די באַרבאַרן.
אויפֿן טורעם שטייט די יונגע פֿרוי און וואַכט.
יונגע העלדן, גרייטע צו דער שלאַכט,
וואַרטן אויפֿן שונא — זיגן, אָדער שטאַרבן!
דורכן רויטן טויער רייט אַוועק דער כאַן-שליח,
רויטער זון-פֿלעק בלוטיקט אויף זיין פֿליך.
דער טויטן-וואָרעם פּיקט אין יעדן שאַרבן,
אויפֿן טורעם שטייט די יונגע פֿרוי און וואַכט.

די ווייטע פלייט

דער אָוונט אָטעמט מיט בלומען-צווייט.
אין דעם ווייטן ווינט שפּילט אַ פלייט.
לאָזט מיך אויך אַ פלייט אויסשניצן,
אויסצושפּילן איצט מיין ליד,
ווי יענער פרעמדער אין דער ווייט.

אַז ס'פאַלט די נאַכט
אויף וואַלד און הויף,
הערן פייגל ווי צוויי פלייטן
רעדן זיך צונויף.

פרייד פון אַ זומער־נאַכט

פון פאַרביקע בערג גייען מיר אַראָפּ אין דער נאַכט. —
די לבנה שווימט נאָך אונזער וועג.
איך בלייב שטיין אין אָוונט־דעמער און באַטראַכט
דעם וואַלד, דעם טייך, דעם פאַרלאָזענעם ברעג.

מיר גייען אַנטקעגן דער נאַכט האַנט אין האַנט
און שטעלן זיך אָפּ ביי אַ וואַנט
פון אַ דאָרפישן הויז.
אַ פריינד וואַרט אונז אָפּ מיט אַ ווייסער רויז.

אָ, גליק! מיר זענען אַלע געקומען צו גיין —
פון ערדענעם קרוג גיסט מען דעם וויין.
דעם ווינט אין די סאָסנעס זינג איך אַ ליד —
דער פויגל, די זשאַבע, דער וואָרעם זינגט מיט.

אַ בליק אין שפּיגל

פון האַרבסט-נעפּלען איז מיין שפּיגל בלינד.
איך קען שוין מער נישט צוריק
צום בלאָען מאַי-טאָג פון מיין נעכטן.
פון מיינע ווייסע האָר וועל איך פאַרפלעכטן
אַ לאַנגן שטריק
און פאַרצילען אים אויף דעם לבנה-שיין.
און אַז די צונג וועט אַרויסשטעקן פון מיינע ציין,
שנייד זי אָפּ און וואַרף זי פאַרן הונט אַנידער
(דער הונט וועט דאָן אַ מבין זיין אויף שיינע לידער).

וואַנדערער כאַפּט זיך אויף אין האַרבעריק

אין פּוסטן האַרבעריק פון דער ווייטער פרעמד
האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, לייכט געבלענדט
פון די לבנה־שטראַלן.
איז עס דער פראָסט, וואָס איז ביינאַכט געפאַלן
אויף מיין דיל?
איך הויב אויף צו דער לבנה מיין קאָפּ
און לאָז אים אַראָפּ. —
איך דערמאָן זיך אָן מיין ווייטן וואַנדער־ציל.

דאַס רויטע צימער

עס טאַנצט מיין פערד. דער צווייט-רעגן רוישט
און בלעטער גלעטן מיינע באַקן צאַרט און ווייך.
ווי אַ ברוינע שלאַנג קריכט דער טייך,
אין שוים פון כוואַליעס אויפגעפּוישט.

אַ מיידל שמייכלט. דער באַמבוס-פאָרהאַנג
הויבט זיך אונטער ווייסע פינגער פון דער שענסטער.
און פון דער וויטנס לאַקט און ציט און רופט
אַ טונקל-רויט אויסגעחלומט פענצטער.

ווינקט צו מיר דאָס רויטע צימער פון מיין שענסטער.

אַליין אין דער נאַכט

איך הויער מיט מײַן לאַנגווייל בײַם לבנה-בלענד —
אַ מידער וואַנדערער שפּילט לידער אויף אַ זילבער-פליײט.
דער ווינט וואַיעט ווי אַ קינד, וואָס וויינט און שרייט
און וויל נישט טרינקען די דערלאַנגטע מעדיצינען.
די לבנה טרײַבט צונויף די וואָלקנס. שלאַנקע פרויען-הענט
גלעטן דעם טײַך, די תּפילות און די לאַנקעס גרינע.

דער פישער אין פרילינג־צייט

די ערד האָט איינגעזאַפּט דעם שניי.
אַרום דעם פלוימען-צווייט זשומען
בינען. ווערבעס בלענדן צו דער זון מיט גאָלד.
שמעטערלינגען, מיט פליגלען פיאָלעט באַמאָלט,
פאַרגראָבן זייערע סאַמעט-קעפּלעך אין די בלומען.

ווי אַן אינזל שטייט אין טייך דאָס שיפל.
ווינטן קומען צו פליען מיט לייכטע פליגל.
דער פישער וואַרפט זיין נעץ אויף דעם וואַסער־שפּיגל,
ער דערמאָנט זיך אָן די בלאָע שוואַלבן — זיינע געסט —
באַלד וועט ער טראָגן עסנוואַרג צו זייער נעסט.

געזעגענונג

די גרינע בערג אין צפון הייבן זיך ווי טורעמס,
מיט ווייסן שוים יאָגט דער שטראָם צו יענער זייט.
האַרץ מיינס, זיי שטאַרק! אָט דאָ וועלן מיר זיך געזעגענען,
איינזאַם וועט זיין שיף פאַרפליען אין דער ווייט.

ווי וואָלקנס פליען די געדאַנקען ביי דעם וואַנדערער,
פאַר מיר זינקט אַראָפּ די זון אויף טונקעלער ערד.
מיר דערלאַנגען זיך די הענט צום לעצטן מאָל —
אין בלאָען אָוונט-דעמער הירזשען אונזערע פערד.

די אייביקע

דאָס געזאַנג פון פייגל וועט פאַרשטומען
ווי געלעכטער אין שפּעטן זומער.
גראָער וואָלקן איבער טייכן וועט פאַרגיין.
נאָר דער באַרג קינג־טינג
און דער קאַרליק לי־טאַי־פּע
וועלן אייביק, אייביק שטיין.

געזעגענונג

דער היינט דריקט מיך ווי אַן ענגער פּרויען־שיך.
דעם נעכטן, וואָס איז פאַרפלויגן גיכער נאָך פון גיך,
וועל איך שוין קיינמאָל נישט דעריאָגן.
די קליינע וואַנדער־פייגל פלאַטערן מיט לייכטע פליגל
פון זייערע היימען אין די האַרבסט־פאַרטאָגן.
אויסצושטרעקן מיינע הענט גיי איך טורעם־אַרויף אַלץ העכער
און פּיל אָן מיט טרערן מיין ליידיקן בעכער.

אָ, גרויסע דיכטער, וועל איך זיין אין אייערע הייכן?
איך בין געקרוינט, זינגענדיק אייערע לידער.
נאָר מיינע פיס — זיי שפּאַנען אין דער נידער
און דעם הימל קען איך נישט דערגרייכן.

ווער קען דעם וואַסער־שטראַל מיט אַ שווערד צעשפּאַלטן?
ווי אייל שווימט אויף דעם ווײַן די נויט.
דער נעכטן איז אַוועק. איך קען אים נישט פאַרהאַלטן.
טרויעריק, טרויעריק אונזער טאָג, אָ, ברודער!
איך וואַרף זיך אין אַ שיפל אָן אַ רודער,
זאָל דער ווינט צעשויבערן מיין קאָפּ,
זאָלן כוואַליעס טראָגן מיך אַרויף, אַראָפּ.

די קללה פון מלחמה

אין טיפן שניי פון טען־שאַן פּאַשען זיך די פערד.
די חיילות ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד.

דער געלער מדבר מיט ווייסע ביינער אויסגעשפּרייט,
דאָס געשריי פון פערד — שאַרפער עכאָ פון אַ פליים.

אינגעווייד פון זעלנער אויף צווייגן אויפגעהאַנגען,
קראָען קראַקען אויף די ביימער קראַאישע געזאַנגען.

טויטע זעלנער ליגן אויף די פּאַלאַץ־טרעפּ. —
— באַפעל דו טויטער גענעראַל די טויטע קעפ!

נאַך דער שלאַכט

איך וויג מיך אין מיין שונאס גאָלד-באַצירטן זאָטל.
דאָס ברוינע פערד מיינס יאָגט אהיים אין גאַלאָפּ.
די לופּט רוט אין שטילקייט נאָך דעם שווערד-געפעכט,
ווי אַ פליג זשומעט דורך אַ לעצטע פייל.
די לבנה גייט אויף קאַלט און שטיל אין זילבער-גלאַנץ.
פון דער באַזיגטער פעסטונג שאַלט טרומפּייט;
אָנגעטאָן אין געלן זייד
זע איך מיידלעך וויגן זיך אין טאַנץ.
דער טייך איז פול היינט מיט טויטע פיש.
די גאָלדענע שווערד אין מיין שייד
איז נאָך פון בלוט נישט אָפּגעווישט.

טויטע בלעטער פלאַטערן

טויטע בלעטער פלאַטערן אין ווינט.
קום, באַגלייט מיך צום שפּיץ פונעם טורעם.
פון דער ים-זייט כמאַרעס שוואַרצע ווי טינט
קומען צו יאָגן אין האַרבסטיקן שטורעם.

ביי דער גאָבי-גרעניץ ליגן טאַטערן אויף לויער —
דען כאַן-שליח קומט צוריק דורך דעם יומען-טויער.
אויף זיינע אַקסלען ציטערט די נאַכט.
צי וועלן מיר ווידער אַמאָל זען די זין,
וואָס רייטן אַוועק צו דער שלאַכט
פון זייער טאַטנס הויז?

אָ, פאַרוואָס ציטערסטו, האַרבסטיקע רויז?

שלאַכט אין דער מדבר גאָבי

דער הימל טריפט מיט בלוט פון רויטע שטערן.
דעם שוים זאַפּט איין דער מדבר-גאָבי-זאַמד.
דער זעלנער וועט דאָס לאַכן פון זיין מיידל מער נישט הערן,
זיין רייט-וואָגן איז מיט ווייסע פערד געשפּאַנט.

פון העליש פייער זענען אַלע לענדער אָנגעצונדן.
שלאַנקע רייטערס רייטן אין דער נאַכט.
דער מאָרד הילט זיך אין פענער ווי געוואַנטן,
דער ווערבל-ווינט ברענגט קולות פון דער שלאַכט.

פירשט לו-לאַנס קאָפּ האָט אָפּגעהאַקט אַ שווערד.
אַ רויטע פייל האָט אויסגעברענט זיין אויג און שטערן,
האַרבסט ברענט שאַרלאַך-רויט אין זעלנער-בערד,
שאַקאַלן בייסן זיך ביי אַ מענטשלעכן געהירן.

ווי טשאַטעם זילבער-פייגל צום קייסער אָנגעפלויגן
זענען בשורות וועגן שונא דעם געשענדטן.
זעלנער קערן זיך אַהיים מיט העלע אויגן
און פרויען קניען אויף די וועגן ווי מאָנומענטן.

געשריי פון קראָען

די שטאָט אָטעמט מיט געלע זומערדיקע שטויבן.
אויף די ביימער זענען שוואַרצע קראָען אָנגעפלויגן.
אויף די צווייגן האָבן שוואַרצע קראָען זיך צעוויגט.
דעם יונגן זעלנערס ווייב, וואָס האָט אויף זייד געשטיקט,
קוקט צום האָריזאָנט מיט מידע, מידע אויגן.
קראָען שרייען. אויפן פאַרהאַנג איבער שויבן
פאַלט דער אָוונט. טונקלען זיך די וועגן.
דעם זעלנערס ווייב לאָזט אַראָפּ די הענט. זי קלערט
פון דעם יונגן רייטער, וואָס איר האַרץ באַגערט.
זי גייט שטילערהייט צום בעט צו און זי טרערט
אַראָפּ איר בענקשאַפט ווי אַ זומער-רעגן.

אויף חורבות פון אַלטע פּאַלאַצן

אויף חורבות פון אַלטע פּאַלאַצן
הענגען אַראָפּגעבויגן די צווייגן
און פֿאַרוויקלען מיט טונקעלן שווייגן
דעם שלאָס אין לבנה-גלאַנץ.
אין פֿאַרלאָזטע זאַלן טאַנצט די לבנה אַליין
דאָרט וואו אַזויפיל שיינע פרויען
האָבן געוויגט זיך אין טאַנץ.

אָדע צו נאַנקינג

אין קרייז פון זעקס מלוכות ביסטו געווען אַרומגערינגלט.
דריי בעכערס וויין טרינק איך אויס דיר אַ ליד צו זינגען.
אין טסין־לאַנד קלינגען די גערטנער מיט העלן געזאַנג,
נאָר די בערגלעך, אָנגעשפּאַנטע ווי רעגנבויגנס,
זענען פאַרביקער ווי די שפּיצן פון לאַ־יאַנג.

איצט, אין אָוונט־דעמער, לאָמיר זיך דערמאָנען:
דאָ, וואו דאָס ווילד־גראָז וואַקסט און שמעטערלינגען
פלאַטערן, איז אַ קייסער־שלאָס געשטאַנען.
אין טאָל האָט דאָס פערד געהירזשעט,
אַ מיידל האָט געזונגען אויפן טורעם פאַרן זון־פאַרגאַנג.
אָ, וואו איז דער קייסער און דער פּאַלאַץ, וואו איז דאָס פערד
און דאָס מיידל?
אַלץ פאַרפלויגן, ווי די כוואַליעס אין די טיפע וואַסערן פון
יאַנג־טסע־קיאַנג.

חיי און וואנדער



קידוש לבנה

אַ לבנה-שטראַל האָט מיין אויג פאַרשטאָכן
אין אַ פשוטן מיטוואָך פונדערוואָכן.

אַ נעפּל־שטרייף האָט דעם האָריזאָנט פאַרגאַרטלט.
דער הימל איז אויסגעפּוצט אין זילבער-קנעפּ.
די יידן אין לבנה-שטעטל וואַרטן
ביים בית מדרש פאַר די טרעפּ.

די פויערים זענען בייז. זיי קוקן:
יידן שאָקלען זיך, יידן בוקן
זיך פאַר דער לבנה.

פויערים פירן פונעם וואַלד פורן שפּענער
און לאַכן הויך, שטוינען פאַרחידושט:
ווען נישט זיי — די זשידעס —
וואָלט די לבנה קיינמאָל נישט געוואָרן קלענער...

פויערים פירן אין די שענקען בראָנפן-פעסער,
די פערד דרימלען, פויערים — שיכור — דרימלען.
די יידן שעפּטשען פאַרבענקטע צו די הימלען
און איך זע: די לבנה ווערט אַלץ גרעסער, גרעסער.

וולאדיקאווקאז

האַרבסט אין מיין היים

די ייִדן פאַרהאַקן די לאָדנס און די טירן — —
זיי טוליען איין די שרעק — געשווירן
אין די שאַלן.
קעלבער מעקען פונעם שלאָף אין שטאַלן.
ווינטן — אָפּגעלעבטע יאָרן — פלאַטערן פאַר די פענצטער —
מאַמעס פרואוון קינדערלעך די קלענסטע
מיט שיינע מעשהלעך פאַרוויגן,
נאָר קינדער וויינען — ס'איז זיי קלאָר דער ליגן.
פאַרטאָג וועט אַרוּם די שרעק אויף אַלע נאַסע פלעצער
און ס'וועלן ווימלען דאָרט קראָען און קראַנקע קעצלעך.
אַ פערד וועט זוכן אויף דער ערד גרינסן פונעם זומער,
נאָר וואַסיל דער שינדער וועט פּלוצים קומען
און אָפּשינדן פונעם פערד די קראַנקע פעל.
די זון פון האַרבסט וועט וואַרעמען די פערדישע געדערים
און אַלע הינט און אַלע קעץ און אַלע ווערים
וועלן פרייען זיך מיט דער זאַטקייט אויף דער וועלט.

ס׳האָט מיין מאַמע

ס׳האָט מיין מאַמע געשעפּטשעט פאַרן טויט:
ס׳איז פינצטער קינדער, דרייט אַרויס דעם קנויט!
אַלע הערן און פאַרשטייען נישט די רייד —
ס׳איז ליכטיק — דער לאָמפּ איז דאָך אַרויסגעדרייט.

נאָר איך, דער ייִנגסטער, האָב מיט דער פלינקייט פון אַ האָז
אַ שפּרונג געטאָן, אַרויסגעדרייט —
און ס׳האָט געפּלאַצט דאָס גלאָז.
און ס׳איז געוואָרן טונקל פונם רויך,
ווייל ס׳האָט געברענט דער קנויט.
דערווייל איז אין שטוב אַריין דער טויט
און אויסגעלאָשן מיין מאַמעס לעצטן הויך.
זי איז געבליבן ליגן מיט אַ פאַרשפּיצט געזיכט —
זי האָט פאַרלאָזט דאָס חשבון אויפן וועג צום ליכט.

זון-פאַרגאַנג אויפֿן ים

אויף דער גילדענער בריק פון זון-פאַרגאַנג
שפּאַן איך אין חלום צום האָריזאָנט.
אין ווייסן פּלי פון די מעוועס
האָב איך מיין לעבן דערקאָנט.

אָט דאָ, ביי דעם הויכן ברעג,
אויף אַ פּוסטן שטיין,
זיץ איך אַליין.
אַלע שיפן זענען אַוועק פון פּאָרט,
די שיפן וועלן קומען צוריק.
נאָר איך, מיט מיין יידיש וואָרט,
שפּאַן אויף דער גילדענער בריק
פון זון-פאַרגאַנג
און ס'איז מיר טרויעריק און באַנג,
אָ, גאָט!
אין בונטן שפּיל פון פאַרבן
האָב איך דערהערט דעם סוד פון שטאַרבן.

קאַרוויע, באַלטישער ים, 1939

היים

אַן ערדערנער דיל אין דער פּרעמד: —
אויף אַ שטריק אַן אויסגעוואַשן העמד,
אַ ציג וואָס קייט דאָס שטרוי פון דאַך,
אַן אַלטע פרוי אין אַ טיכל פאַרנאַכט,
אַ ווערבע־בוים אויף אַ לאָנקע אין גראָז,
אַ קינד, וואָס וויינט אין אָונט אַן אַ פאַרוואָס,
שוואַרצע קאַווע אין אַ טאָפּ פון געלן ליים —
בלויע בענקשאַפט צו מיין היים.

דאָס מעקען פון אַ קראַסער קו,
אַ זקן אויפן שוועל אין פאַרנאַכטיקער רו,
דאָס מיאוקען פון אַ גרויער קאַץ,
אַ נישט אַרומגעגרויזעטער פרייער פּלאַץ,
מיט קימל אַן אויסגעבאַקן לעבל ברויט,
אַ קישן אין אַן איינשיט אויף אַ פּלויט,
אַ לוויה בייטאָג מיט אַ געוויין —
שוואַרצע בענקשאַפט צו מיין היים.

בוכאַרא, מיטל־אַזיע

באַלאַדע פון אַ ווינטער-נאַכט

איך ווייס נישט, וואָס ס׳האָט מיך דערמאָנט
דער ערשטער שניי פון מיין וואונדערלאַנד.

ס׳קען זיין, און אפשר און מעגלעך,
דאָס ווייטע קלינגען פון אַ שליטנס גלעקלעך

האָט מיך דערמאנט
אָן מיין וואונדערלאַנד.

**
*

די שטוב, די קאַמער, דאָס מעבלווארג באַזונדער
איז אויסגעצירט אין ווייסע פליטערלעך פון וואונדער.

די טיר איז צוגעשפּאַרט מיט האַטשיקעס פון אייזן
און פאַר דער טיר אויף וואַך שטייט דאָס פעדער-הייזל.

דער טאַטע האָט דעם קוימען שוין פונלאַנג פאַרשטעקט,
נאָר אינדרויסן וויינט און וויל אריין די שרעק.

די שטוב — אַ שיפל — שווימט אום אין גראָער פּאַרע,
דער ווינט איז מיד און וויל אריין דורך מינדסטער שפּאַרע.

נאָר אַלע טירן שוין פאַרשלאָסן, די לאָדנס פאַרשפּאַרט,
אויפן טיש פּאַרלאָזט טליעט נאָך דער סאַמאָוואַר

און ס׳בליט דער פראָסט. אויפן הימל דער מולד,
ווי דאָס בלוט פון אָקס, וואָס יוסף שוחט האָט געקוילעט.

מיין טאַטע שווייגט ביים אויוון, די מאַמע רעדט פאַרזאָרגט:
— אָוועקגעשיקט די קינדער אין ווייטן לאַנד, נעוויאָרק.

דער אָוונט — אַ שליטן מיט זעקס פּאָר פערד נאַשפּיץ —
האָט ווידער אין מיין חלום דורכגעבליצט.

. . . געקומען איז מיין ברודער פון אַ ווייטן שטח
און געבראַכט מיר אַ מתנה — אַ ווייסן צוקער־לעקעך.

געפאָרן פון נעוויאָרק דורך לענדער און דורך ימען,
געקומען אינעם שטעטל צו דער קראַנקער מאַמען.

דער אַלקער איז שוין פול מיט שכנטעס און שכנים,
זיי שטופּן זיך און רעשן זיך, זיי לאַכן און זיי וויינען:

— העניע, ליב אייך אייער גאַסט פון דער ווייטער רייזע!
נאָר ס׳קוקט מיין מאַמע מיט אויגן שוין פאַרגלייזטע.

דער דרייער־קאַניץ, ווי דעם דאָקטאָרס לאָמפּ צעברענט —
נאָר ס׳קוקט מיין מאַמע — זי האָט אים נישט דערקענט.

— מאַמע, בעט דער ברודער און זיינע טרערן רינען, —
צו דיין בעט איך בין געקומען פון דער גרויס־מדינה.

אַ סך האָב איך געזען דאָרט דימענטן, ברילאַנטן,
נאָר ס׳האָט געטריבן מיך אַהיים צום שטעטל דעם באַקאַנטן.

מיין מאַמע רעדט קיין וואָרט נישט, זי קוקט מיט אויגן בלינדע,
— אַ ווייטיק צו דער מאַמען, וואָס דערקענט נישט אירע קינדער...

**
*

ווער האָט מיך אויפגעוועקט? איך האָב ווייזט אוים געשריגן —
דער חלום איז אַ ליג — ער האָט געמאָלט אַ ליגן.

אין שטוב איז שטיל, פאַרלאָשן שוין דער סאַמאָוואַר,
מיין מאַמע אָטעמט מאָדנע, ווי מען רויכערט אַ ציגאַר.

דער טאַטע מיט כוונה ציט אָן דעם אַלטן זייגער
און פרואווט דעם שלאָס פון טיר פאַרן שלאָפן לייגן.

**
*

איך ווייס נישט, וואָס ס'האָט מיך דערמאַנט
דער ווייסער הויך פון מיין וואונדערלאַנד.

די לבנה אויפן הימל — אַ צעגליטע פייער-פאַן —
האָט ווידער מיך אין שטראַלן-לייצעס איינגעשפּאַנט.

פאַרשיט דער וועג און אָפּגעברענט דאָס שטיבל —
פון אַלע דאָרט בין איך איינער נאָר פאַרבליבן.

דער שניי בלענדט אויף די דערמאָנונג אין זכרון —
דער אייגענער שניי פון מיינע קינדער-יאָרן.

היים

איך האָב שוין גאַרנישט פון מיין היים.
מיין העמד איז ניי, די שיך שוין נייע,
נאָר ס'איז פאַרבליבן דאָס געוויין
פון די היימישע לוויות.

עס טרעפט שוין אָפט: איך פאַרגעס
די, וואָס כ'האָב אַמאָל פאַרלאָזן.
קומט צו חלום מיר (וואָסער נס)
מיין מאַמעס קבר צווישן גראָזן.

זיי שלעכט צו מיר, נאַכט, זיי בייז, טרוים,
דערמאָן, איך זאָל נישט פאַרגעסן:
פון אַלע ביימער איז נאָענט דער בוים,
דער אָפּגעדאַרטער פון מיין געסל.

פון אַלע טעג איז נאָענט די נאַכט,
וואָס קומט אין חלום מיך דערמאַנען.
פון אַלע וועגן איז נאָענט דער שליאַך,
וואָס פירט צום קבר פון מיין מאַמען.

איך האָב שוין גאַרנישט פון מיין היים.
מיין העמד איז ניי, די שיך שוין נייע,
נאָר איך געדענק נאָך דאָס געוויין
פון די היימישע לוויות.

מאַכאַטש־קאַלאַ, קאַספּישער ים

נישטער

זיין שטאַלט איז שלאַנק, זיין קאָפּ איז בלאָנד —
איך האָב מיין ברודער איצט דערקאָנט.
ווי קומט מיין ברודער דאָ אַהער
אין פרעמדער שטאָט אויף ווייטער ערד?
נאָר כ׳שווער, אַז ס׳איז געווען אַזוי —
מיין טויטער ברודער מיט זיין פרוי.

ס׳איז זיכער ער, ס׳איז זיכער ער,
וואָס שפּאַנט אויף פרילינגדיקער ערד.
ער שפּאַנט אַצינד אַנטקעגן נאַכט,
איך האָב געהערט זיין שטילן לאַך.
דאָס בלאָנדע מיידל, וואָס אים באַגלייט,
קוואַלט פון אים אַרוים די פרייד.

ער רעדט צו איר אין שטילן סוד:
איאָ ס׳איז שיין אַצינד די שטאָט?
נאָר איך געדענק נאָך יענעם אָרט,
וואו ס׳ליגט באַגראָבן אונזער מאָרד.
זי שמייכלט מילד צו אים פאַרשעמט:
נו, רעד נישט ליבער וועגן דעם.

נאָר פּלוצים — ר׳האָט זיך אויסגעדרייט —
און ס׳איז געווען אַ פרעמדנס פרייד.
ס׳איז דאָך נישט ער, נישט ער,
וואָס שפּאַנט אויף פרילינגדיקער ערד.
איך האָב אַן אַנדערן דערזען,
נישט ער, נישט ער איז דאָס געווען.

איך בין אַצינד שוין אין דער היים,
אַליין, אַליין מיט מיין געוויין.
דאָס בילד זיינס ציטערט אין מיינע הענט,
ס׳האָט מיין טרוים אים נישט דערקענט.
אפנים איך האָב זיך אויסגעטראַכט
אַ שיינע מעשה אַנטקעגן נאַכט.

פּאַריז

פאַרפאַלן, פאַרפאַלן

פאַרפאַלן, פאַרפאַלן —
מיר האָבן זיך געשפּילט אין גראָז
מיט אַ שיינעם באַלן,
איז ער אַריין אין סאָד
צום בייזן שכן יאַן.
פאַרפאַלן, פאַרפאַלן
אַזאַ מין שיינער באַלן.
איז ווייסט איר, קינדער, וואָס
איך וואָלט געוואָלט?
לאָמיר שפּילן זיך אין ציגן־וואָלף!
וואָס־זשע האָסטו זיך פאַרקוקט
אויף דער גרינער ערד?
— איך קלער און קלער,
וואו נעמט מען איצטער ציגן,
אַז ס'האָט דער וואָלף אַלע שוין פאַרצוקט,
אפילו ס'ציגעלע דאָס ווייסע
פון אונזער שיינער מעשה.

אַזויפיל יאָרן

אַזויפיל יאָרן שוין אַוועק
זינט איך האָב דיך פאַרלאָזן.
נאָר ס'איז מיר פאַרבליבן:
דער גרינער ברעג,
די ווייסע בעריאָזע
בײַם טײַך
און די געלע זון,
וואָס באַלײַכט
דײַן צוקנדע ליפּ
און די ליבשאַפט צווישן אונז —
אַ קנופּ.

פון מיין חרובן הויז

נאַכט, זיי גוט צו מיר.
אַט איצט, ווען איך עפן די טיר
פון מיין חרובן הויז —
וויג מיך איין אין דיין שוים.
מאַך מיר נעענטער די פרעמד.
איך טראָג אַרוים
פון דיין מיט:
אַ ברויט, אַ העמד,
מיין טרויער פון ליד.

**
*

ביימער ביי די וועגן, איך טו אייך באַשווערן:
היט מיך אוים פאַר דעם געוויטער,
הילט מיך איין אין גרינע בלעטער —
ס'זאָל קיינער נישט דערהערן
אין די שעהן שפּעטע
פון מיין האַרץ דעם ציטער.

ערד, קילע ערד, וויג מיך איין, היל מיך איין,
אין טיפן טשערעט, אין נאַסע גראָזן.
בעט מיר אוים אַ שוואַרץ געלעגער.
נישט דערגרייכן זאָל צו מיר די שיין.
מיר זענען איצט ווי יונגע האָזן
אין געיעג פון יעגער.

און דו, בעריאָזע, אין די ווייסע קליידער,
פּאַרן קלאָרן טאָג באַהאַלט דיך אויבעט!
אַ רגע — און מען קאָן אונז ביידע
איצט דערזען אין אָוונט־דעמער.
מיר וועלן ביידע זיין ווי לעמער
אין דער האַנט פון שוחט.

און דו, לבנה, אין די בלאָע הייבן,
וואָלט איך געקענט צו דיר דערגרייכן —
פאַרדעקט וואָלט איך דיך מיט אַ וואָלקן.
אָט באַלד, אָט באַלד — און ס׳קומען פאָלקן
פונעם שונא.

איבער מיר, אין בלעטער-קרוינען,
זינגט אַ פויגל העלע לידער
און ווייסט אפילו נישט דערפון,
אַז איך, אין שווארצן נידער,
בין אַ שונא איצט דער זון,
וואָס ברענגט דעם טויט מיר אין די רוימען.

אַ בלעטער, איך ווייס: ס׳איז הארבסט
און איר בענקט צו ערד אין פוילונג.
אַ בלעטער, בלעטער, פאַלט נישט אראָפּ!
דער חבר מיינער שטאַרבט
און איך — וויל פארטוליען איצט מיין קאָפּ,
אין אייער געלקייט אים פאַרהוילן.

דער חבר מיינער רעדט פון פיבער
און איך אַליין שריי אויף אין שוידער.
דער ווינט האָט איצט דעם פלאַם צעהוידעט
פון אַלע ברענענדיקע שטיבער.
און איבער אַלע בערג, איבער אַלע טאָלן
שרייט מיין חבר — דער קראַנקער גיבור:
— פאַר אַלץ, פאַר אַלץ מיר וועלן נאָך באַצאָלן!

**
*

די כאַטעס ביי די וועגן ברענען,
די שוואַרצע נאַכט איז זיי מקנא.
זי שפּיגלט זיך אין רויטע פלאַמען
און קאָן אַליין זיך נישט דערקענען.

זי וואָלט אַליין געוואָלט אַצינדער
פאַרטיליקן די אינגעווייידן,
פאַרלעשן יענע טיפע פריידן
פון גרויע זקנים און פון קינדער,

וואָס זי פלעגט צום שלאָף פאַרוויגן
מיט דער שיינקייט פון אַ מעשה
פון די ציגעלעך די ווייסע
מיט אַ וואונדערלעכן ליגן.

. . . עס גייט מיר נאָך דער אַלטער ייד פון קאַלושין:
— לאָזט מיך נישט איבער, וואוהין שפּאַנט איר, וואוהין? . . .

וואַרשע־טאַשקענט

אין דער איינזאַמקייט

אין דער איינזאַמקייט אויף מיין געלעגער
האָב איך מיר אַ סוד פאַרטרויט:
איך בין אַזויפיל מאָל געשטאָרבן, מעג ער
קומען נאָכאַמאָל, דער טויט.

איך וועל וואַרטן און מיט די אַקסלען
צוקן פאַרן שניט פון שווערד.
און דערנאָך צוריק אויפוואַקסן
מיט די גראָזן אויף דער ערד.

איך געדענק דיך קוים

דעם אנדענק פון ר. ה.

איך געדענק דיך קוים, קוים, ווי דורך דער וואָר,
וואָס איז אין מיין לעבן לאַנג שוין צערינען.
דער ווינט האָט צעבלאָזן דיינע שוואַרצע האָר,
ווען מיר האָבן שפּאַצירט דורך גערטנער גרינע.

דו האָסט געפּלאַפּלט און געלאַכט
און געזאָגט: אַלץ, אַלץ איז דאָך אַ ליגן.
דערנאָך, ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט,
זענען מיר אויפן בערגל אַרויפגעשטיגן

און דו האָסט געוויזן מיט דיין האַנט צום טאָל
(איבער אונז האָט געגרוילט דער מולד):
— אָט דאָרט האָבן זיי, די שכנים, אַמאָל,
מיך געמאָרדעט און מיין קינד געקוילעט.

זי האָט געשווירערט: ס'איז באמת אַ וואונדער,
ווי איך גיי מיט דיר אַצינד אויף דער ערד.
ווייל ס'האָט דער מערדער מיט זיין שווערד
צעטיילט מיין גוף באַזונדער און מיין קאָפּ באַזונדער.

און איצט איז ווינטער. אַזאַ וואונדערלעכער שניי
איז אויסגעפאַלן אויף יענע ערטער.
און מאָדנע, וואָס איך, אַ טויטע, גיי
אַרום שפּאַצירן להכעיס מיינע מערדער.

איך געדענק דיך קוים, קוים, ווי דורך דער וואָר,
ס'איז געווען פרילינג, אַ סודותדיק גרינער.
אַוועק אַ צייט, איך געדענק נישט וויפל יאָר,
און איצט, מיר האָבן ווידער זיך געפינען...

פרילינג

ס'איז נאַריש אַצינד, איך ווייס,
צו קלערן פון אַזאַ מין זאַך.
נאָר וואָס זאָל איך טון?
ס'איז פרילינג איצט און די זון
בלענדט אויף, ווי אויפצופליים,
מיין היים, מיין שטוב, מיין דאַך.

מיין שכנס מיידעלע גענענדל
האָט צעפּלעך לאַנגע — בלאָנדע זאַנגען
און זיי פלעכטן
אויף דעם נעכטן
פון מיין היים.

מיין שכנס מיידל שפּילט אין טשייכן —
איך שריי איר נאָך: גענענדל מיטן פענדל.
נאָר כאָטש איך בין אַ גרויסער
(טראָג שוין האַלבע הויזן),
ברענגט דער חלום מיך פאַר איר אין סטענדל
און זי לאַכט און לאַכט:
אַזאַ מין מיאוסע זאַך.

מיין היים איז לאנג שוין אפגעברענט.
נאר דער ווינט בלאזט דאס אש מיר אין די אויגן
אין דער פרעמד.
א חלום נישט געשטויגן נישט געפלויגן
פירט מיך דורך א שפינוועבס-בריק
צו מיין היים צוריק.

מיין היים איז אפגעברענט. נאר דאס אש
פון אירע חורבות
ברענט אלץ מיין בארוועס
אויף די פרעמדע שטראזן.
אין טרוים טראג איך אום א פלאש
פון זייפן-שוים
און טו צום הימל עס צעבלאזן.

אָוונט אין קישלאַק

דער אַלטער אוזבעק אבדו אַבאַסאָוו
האָט אין בלויען אָוונטיקן שיין
פאַרבעטן מיך צו זיך אריין
אין שטוב — זיין קישלאַק.

— סאַלאַם!
— סאַלאַם!
ס׳איז ביי מיר אַ באַנק פאַראַן,
נאָר דאָ, אין אוזבעקיסטאַן,
זעץ אַוועק זיך אויף דער ערד,
עלעהיי אויף אַ דיוואַן.

די אַלטע קאַנבאַר האָט דערלאַנגט טיי אַ פּיאַלע
פון פינקלדיקן פאַרצעלאַן
און געפרעגט מיט שאלות:
— אַ מאַמע, אַ קינד, אַ ווייב, פאַראַן?
—געווען, געווען, געווען אַסך,
נאָר אַלע מיינע אין פוילן
האָט דער דייטש, דער שייטאַן,
געקוילעט.
(איך האָב געוויזן אויף מיין האַלז,
ווי פאַר אַ קינד, וואָס קען נישט דיין שפּראַך)
— כיק!

איך האָב געשוויגן און אַלע ביים אַריק
האָבן מיט טיפֿן טרויער אינם בליק
געקוקט אויף מיר, געדרעדט אַן ווערטער:
— דער גערמאַן, דער מערדער!

— און דאָס — האָט דער אַלטער אַ בילד דערלאַנגט —
איז מיין זון אַבדו סאַלים,
געפֿאַלן אין שלאַכט ביי דער מערדער־שטאָט בערלין.

אויף די טרויבן־שטענגלעך
האָט די זון גענומען הענגען
אירע לעצטע שטראַלן.

דער סאַד, דאָס בילד פֿון אַבדו סאַלים
האָט געפֿינקלט אין דער פּיאַלע.
און ער, דער אַלטער אַבדו אַבאַסאָוו,
ווי מיין זיידע פֿונם שטעטל סאַסאָוו,
האָט ביי מיין גיין מיין האַנט געדריקט
און איך האָב לאַנג, נאָך לאַנג,
געפֿילט דעם טרויער פֿון זיין בליק
און די וואַרעמקייט פֿון זיין האַנט
אויפֿן וועג אַהיים אין מיין אָוונט־גאַנג.

טאַשקענט, 1945

בענקשאַפט

אין אַ זומער־טאָג האָט דאָס געטראָפן:
איך האָב דערפילט מיין היים איז ענג
און בין פון איר אַנטלאָפן,
צו אַ ווייטער שטאָט פאַרבענקט.

איך האָב ביי קיינעם נישט געפרעגט,
ווען איך בין אַרויס פון שטעטל.
אויפן וועג אַ פור — האָב איך געבעטן
מיטצונעמען מיך אין וועג.

דער פורמאַן — אַ ייד אַ שלעכטער —
האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער:
אַ ייִנגעלע אַזאַ, דאַר און קוואַר און קליין,
טאָר נישט לאָזן זיך אַליין.

בין איך פאַרבליבן ביי דעם צווינטער
— אַ קינד אויף מיטן וועג אין שרעק —
און געזען: די זון פאַרגייט און הינטער
איר יאָגט נאָך דער שטעטלדיקער וועג.

און כאָטש די צייט האָט לאַנג פאַרטראָגן
יענעם חלום, יענעם צווינטער, יענע נאַכט, —
גייט אויף אין מיר אַ בענקשאַפט צו דעריאָגן
יענעם וואָגן אויפן אומבאַקאַנטן שליאַך!

ס׳איז מיר אומעטיק

ס׳איז מיר אומעטיק אין מיטן טאָג דעם העלן, —
איך ווייס נישט וואָס צו טון און וואָס צו וועלן.
זיך אויסגעטאָן פון אַלע מענטשלעכע באַדאַרפן
און ווי דער סאַקסאַאול אין ווינט איך שרפ׳ע.
דער באַז־סו צווישן בערג וויל שטורעמען די ברעגעס ;
איך בין אַ פרעמדער דאָ, ווייס נישט וואו מיין וועג איז.
גאָט מיינער, איך בין קראַנק מסוכן, —
הייל מיך אויס, אָדער לאָמיך ווערן פאַרטרוקנט.

יאַנגי־יול

די מעשה פונם דאָרפֿגייער שמעון,
וואָס האָט געהאַנדלט מיט פלאַקס און האָזן-פעל
און נישט געקענט צוריק קומען
צו זיין היימישער שוועל.

דאַנערשטיק ביינאַכט האָט ער, ווי שטענדיק,
געלאָזט זיך פונעם דאָרף מיידאַן;
דעם מסחר מיטן גוי פאַרענדיקט
און איצט אויפן וועג אַהיים ער שפּאַנט.

ער קען דעם וועג ווי זיינע פינגער,
נאָר ער גייט און גייט און ס'נעמט קיין ענד.
פאַר זיינע אויגןביימער שפרינגען
און דאָס פעלד ווי אַ ליילעך בלענדט.

און מאָדנע ווי ס'ברעכן אים די ביינער,
ווי אויף דער פלייצע דער פלאַקס
וואָלט געוועזן אַ פּאַק מיט שטיינער,
וואָס דריקט און וואַקסט.

און פלוצים — פון א פעלעכל א האָזל
שפּרינגט אַרויס און פליט.
זיין פּנים פלאַמט, ווי ער וואָלט געמאָזלט —
צי פּאַסט עס פאַר אַן אַלטן ייד ?

כפי דעתו וואָלט ער שוין אפילו
אינדערהיים באַדאַרפט צו זיין פונלאַנג.
נאָר אַ ייד — זאָגט ער שטיל אַ תפילה
צו די שטערן אין זיין גאַנג.

די אויגן שווינדלען, נאָר מ׳טאָר נישט דרימלען
איצט, ווען ס׳לויערט די געפאַר.
און שמעון גייער שרייט צו די הימלען :
רבונו של עולם שמע !

— — — — — — — —

מסתמא האָט שמעון זיין וועגן געפונען
דורך דער פינצטערניש פון נעכט.
ווייל די מעשות, וואָס מ׳פלעגט ביי אונז שפּינען,
האָבן זיך נישט געענדיקט שלעכט.

איז גאָט, מיין האַר, איך בעט דיך זייער :
דורך דער פינצטערניש און בלענד
פיר אַרויס מיך, ווי שמעון דער גייער,
און זאָל די מעשה נורא האָבן אַ גוטן ענד.

שטאָקהאָלם

פרילינג.

אין מיין שטעטל אויף די לאַנקעס
וואַקסן גראָזן און בונטע בלומען.
איך בין ווידער דאָ אַהער געקומען
און אויף די פעלדער אומגעבלאָנקעט.

דאָ איז געווען מיין היים.
זי איז אַוועק אין פייער-פלאַקער.
איצט, דורך פעלדער צעאַקערט,
גיי איך איינער אַליין
צום ראַנד פונעם וואַלד.

ווי אַמאָל צוריק מיט יאָרן
פירט די סטעזשקע דורך פעלדער פון קאָרן.

דורך איוואַנס סעדער צעבליטע
האָט מען מיינע ברידער געפירט צו דער שחיטה.

די זון גייט אויף ביים גלחס וואַלד
פּונקט ווי אַמאָל.
די זון פאַרגייט ביים גלחס טייך
אין גרינעם טאָל.

די גראָזן זענען גרין און געל די בלומען.
שמעטערלינגען פלאַטערן, בינען זשומען
און פליען מיט דער זיסקייט אין בינען-שטאָקן.
נאָר איך בין אַלץ נאָך פאַרציטערט,
נאָר איך בין אַלץ נאָך דערשראָקן,
ווייל רויט זענען גראָזן,
ווייל דער האָניק איז ביטער,
און ס'קען זיין, אַז דאָס ברויט וואָס איך עס,
איז געוואַקסן אויף מיין ברודער — דעם מת.

און אַז איך וועל קומען

און אַז איך וועל קומען צו מיין היים אינעם טאָל,
אין אַ גראָען שינעל, מיט אַ ביקס פון שטאָל,
ווער וועט מיך דערקענען?

אַז מיין טאַטע איז טויט און מיין מאַמע — טויט
און מיין שוועסטער איז טויט און מיין ברודער — טויט
און די הייזער ברענען.

און אַז איך וועל וועלן געפינען דאָס אָרט
פון זייערע קברים, פון זייער מאָרד,
ווער וועט עס ווייזן?

אַז מיין שכן איז טויט און מיין שכנה — טויט
און מיין קרוב איז טויט און מיין קרובה — טויט
און חרוב די הייזער.

וועל איך דאַן נעמען אויפן אַקסל די ביקס
און ביי יעדן שטיין, ביי יעדן געוויקס
אַן ענטפער מאָנען.

און דערנאָך אויף די חורבות פון הויפנס אַש
וועל איך צעבלאָזן נאָך טיפער מיין האַס
צו אונזערע שונאים!

1943

ווי וואונדערלעך דער נס

ווי וואונדערלעך און גרוים דער נס —
איך גיי אַרום און טרינק און עס
און וואַרעם זיך אונטער דער זון
און ווייס אַפילו נישט דערפון,
אַז נאָך צוריק מיט וויפל יאָר
האָב איך פאַרלאָזט די וואָר
און בין געוואָרן אַש און טרוים
און בין געוואָרן גראָז און בוים —
גרינער פרילינג אויף דער ערד.
ווי וואונדערלעך און גרוים דער נס —
איך גיי אַרום און טרינק און עס
און זוך דורך נעכט דאָס גרויסע וואָרט —
דעם גראַם צו מיין אייגענעם מאָרד.

פאָטאָגראַפיע אַלאַ מינוט

אזוי־אַ, אין פרילינג־טאָג, אין אַ שעה אַ העלער,
זענען זיי, אויסגעפוצטע און פאַרקעמט,
געשטאַנען אין אַ גאָרטן און פאַרשעמט
געשפיגלט זיך — דעם לעבן צו געפעלן.

זי — האָט פאַריכט די לאָק און ער — דעם קראַוואַט
(די זון האָט אויפגעשיינט פאַר ביידע) —
זיי האָבן שטיל און דערפרייטע
געקוקט אין גלאָז פון אַפּאַראַט.

די זון איז אומעטום — נישטאָ קיין שאָטן —
— אין אַ גוטער שעה, ס׳בילד זאָל זיין געראָטן!

— אכטונג און שטיל! אַ רגע — און פאַרטיק!
דאָס בילד איז שיין, דאָס בילד — גרויסאַרטיק.

אצינד שווימען זיי אַרום אין אַ קליינער וואַנע,
ס׳זענען זייערע פּנימער נאָך נאַסע.
נאָר ס׳וואַשט דער מייסטער זיי מיט קלאָרן וואַסער,
ווי אַמאָל די גוטע מאַמע.

צייטן קומען, צייטן טוען אַ פאַרגיי. —
נאָר אַפילו שפּעטער, נאָך יאָרן הונדערט,
וועלן שמייכלען חתן־כלה אין אַליי,
אין אַ שיינעם פרילינג־טאָג פון וואונדער.

אַזאַ אַלטער טאַנגאָ

אַזאַ אַלטער, נאַרישער טאַנגאָ —
נאָר ס'איז פון אים געוואָרן באַנג מיר.

זומער. אָוונט. די זון ווערט פאַרלאָשן,
מיר שטייען ביים וואַלד פון בענקשאַפט צעפלאָשעט.

דו זינגסט אַזוי שטיל און סאַסנעס די שלאַנקע
רוישן צום טאַקט ביי דעם טרויעריקן טאַנגאָ:

אַ ליבע, אַ ליבע — ס'איז ביטער און ווי מיר,
עדות די פייגל אויף צווייגן פוןביימער.

אָן עדות דאָס גרעזל, וואָס וועלקט אין דער פּאָסע,
אָן עדות די זאַנג נאָכן שניט פון דער קאָסע.

דאָס לידל איז אַלט און דורך מיינע מעת לעתן
האָב איך זיין ניגון פונלאַנג שוין פאַרגעסן.

איבער שטעט און לענדער אַזויפיל געוואַנדערט,
דאָס לעבן ביי מיר איז אַפילו שוין אַנדערש,

נאָר איצט, אין פרילינג, אין אַ רעסטאָראַן,
האָט מיך ווידער אַ זינגער דאָס לידל דערמאַנט:

אַ ליבע, אַ ליבע — ס׳איז ביטער און וויי מיר,
עדות די פייגל אויף צווייגן פון ביימער.

און עדות דאָס גרעזל, וואָס וועלקט אין דער פּאָסע,
און עדות די זאַנג נאָכן שניט פון דער קאָסע.

אַזאַ אַלטער, נאַרישער טאַנגאָ —
נאָר ס׳איז פון אים געוואָרן באַנג מיר.

הינטער דעם שטעטל

הינטער דעם שטעטל איז דער וועג גלייך
ביז אראָפּ אין גרינעם טאָל.
און אביסל ווייטער שווימט דער טייך,
נישט ברייט, נישט שמאָל,
פּונקט צו דער מאָס.
און פאַר מיין היים ליגט א שטיין
אין גרינעם מאָך און גראָז
שוין דורות-לאַנג.
זעץ זיך אנידער און רו זיך אָפּ,
עלעהיי אויף א באַנק.

אַ בלאָער נעפּל

אַ בלאָער נעפּל פאַר די אויגן.
אויפן וועג — איך און מיין טאַטע.
אַ טשאַטע פייגל איז דורכגעפלויגן
און מיין יונגן סוד צעפלאַטערט.
מיר שטייען פאַר דער בריק און טרעטן
אויף דער סטעזשקע, וואָס פירט פון שטעטל
אין דאָרף. הינטער אונז דער קלויסטער
און די זון. איך שפּאַן גיך, בין אַ גרויסער,
רויכער אויף אַן אמת שוין ציגאַרן
און וויים, אַז איציק טוט די מיידלעך פאַרנאַרן.
אויפן וועג אַ פּויער פירט אַ קעלבל:
— מיקאָלאַי, וואוהין?
— אין שטעטל!
— פאַרגעס נישט אָפּצוטרעטן
ביי מיין אַלטער אין געוועלבל!
דער פּויער איז ווייט. דאָס קעלבל מעקעט
אינעם וועלדל פון סמערעקעס.
אַ גרינע לאָנקע. געלע בלומען —
דאָס דאָרף. מיר זענען אָנגעקומען.

איך כאַפּ די זון

איך כאַפּ די זון אויף אַ שפּיגעלע אין שאָטן,
אויף מיין האַלז — מילוטן מיט סיקוטן.
איך לויף דורך געסלעך צו די שטראָזן
מיט אַלע קינדער טאַנצן
און ס׳לויפט מיר נאָך מיין מאַמעס קול:
יידן, דאָס קינד מאָזלט
און ברענט אינגאַנצן!

איך בין שוין אַ גרויסער

איך בין שוין אַ גרויסער.
נאָר אַז איך וועל ווערן נאָך גרעסער,
וועל איך אין מאַרק, אינדרויסן,
מיט אַ שבת קודש-מעסער
אויסשניצן
אַ לייטער ביז צו די הימלען.
העכער
פון די קלויסטער-שפּיצן.
די ייִדן אויף די דעכער
און אויף די שטראָזן
וועלן גאַפן:
זעט, ווי נחום איציקס
קריכט אַלץ העכער, העכער
צום באַשעפער!
און איך, אויף דעם לייטער,
וועל פון מעשענעם טרומייטער
אויסבלאָזן
צו גאָט מיין טענה:
— פאַרוואָס וויינט ביינאַכט מיין מאַמע?

טאַטע-מאַמע זענען קראַנק

זיי לויפֿן נאָך די לאַשיקלעך אויף וועגן,
העלפֿן גויישע האַלצהעקערס נאָכציען די זעגן
און ווייסן נישט, אַז טאַטע-מאַמע זענען קראַנק,
אַז זייער לעבן צאַנקט.

זיי רייסן גרינע ווײַנפּערלעך אין סעדער,
העלפֿן מאַכן בעזימלעך דעם בעדער
און ווייסן נישט, אַז טאַטע-מאַמע זענען קראַנק,
אַז זייער לעבן צאַנקט.

זיי כאַפּן פֿאַרן רופֿא פּיאַווקעס אין זומפּן,
פּילן אַן די קאַנען פֿאַר וואַסער-טרעגער ביי פּלומפּן
און ווייסן נישט, אַז טאַטע-מאַמע זענען קראַנק,
אַז זייער לעבן צאַנקט.

אוי וויי, אַ ווייטיק צו זיי,
וואָס וועט זיין, חלילה, שפּעטער,
אַז מעט דאַרפֿן אַנקומען צו מומעס און פֿעטערס?

נאָר זיי קוקן נאָך אין באַד באַלעבאַטישע טעכטער,
שטעלן אוים טאַטע-מאַמע אויף לייטיש געלעכטער
און לאַכן, לאַכן, לאַכן
פֿון אַלע בייזע זיבן זאַכן.

יוער און לעווע

יוער מיט לעווען שטייען אין מיטן מארק —
אין מיטן מארק לעבן סאסאָווער באָק.
לעבן סאסאָווער באָק, וואָס שטייט מיטן קינד
סיי זומער אין ספעקעס, סיי ווינטער אין ווינט,
שוין יאָרן-לאַנג.

יוער איז שטאַרק און לעווע איז קראַנק
און צווישן זייביידע אַן אייביק געצאַנק,
וואָס פאַרהילכט די קלאַנגען פון קלויסטער־גלאָק
אין מיטן מארק, לעבן סאסאָווער באָק.

יוער איז אַליין און לעווע האָט אַ ווייב,
וואָס העלפט אים לויזן זיין האָריק לייב
און גייט מיט אים בייטאָג איבער דער שטאָט
און שלאָפט מיט אים ביינאַכט אין באָד.

יוער איז צעכראַסטעט און ער שעלט
די גאַנצע, גרויסע, לייזיקע וועלט,
וואָס קוקט זיך צו אין מיטן העלן טאָג,
ווי מען נאַרט דאָס צינגל פון דער וואָג.

יוער שעלט יעדן פון הויז צו הויז
און פון אומעטום מען טרייבט אים אַרויס.
נאָר גאָט אַליין קלערט דורך די נעכט,
אַז יוער איז גערעכט און זיין משפט גערעכט.

ס׳איז אָוונט. דער קרעמער פאַרפאַקט
די שעה׳ען פון טאָג אין צעריסענעם זאַק.
און יוער שטייט אַליין אויפן מאַרק —
אַ זון-שטראַל לויזט זיין האַריקן קאַרק.

אַ טשאַטע שוואַלבן

אַ טשאַטע שוואַלבן — אַ שלענגל בלאָער רויך —
בויערט דורך אַ וועג צו הימלען הויך.

אין פלאַטער פון זייערע פליגל — די וואָג־שאָל
פון אַ וועלט צווישן באַרג און טאָל.

מען צענעמט אַ הויז אויף דער איסט-סייד

אין ניו יאָרק אויף דער איסט-סייד איז אַ הויז געשטאַנען.
אַ הויז מיט ייִדישע זיידעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס. אַ הויז
מיט שטיבער, אַלקערס, היימישע ווינקלען. אַ פּייף פון אַ שיף
פלעגט דאָרט דערמאָנען אַן ווייטע שטעטלעך, וואָס זענען פאַראַנען —
ווייט הינטער בערג, ווייט הינטער ימען.
אַ הויז פון טאַטעס מיט בערד, מאַמעס אין הויבן. אַ הויז,
וואו מען פלעגט דעם באַשעפער אין ייִדיש צו לויבן.
אַ הויז, וואו מען פלעגט נאָך זינגען געזאַנגען: „אַ גוטע פריינד,
ווען איך וועל שטאַרבן" און וועגן „טרייאַנגל".
אַ הויז, וואו ס'פלעגן נאָך גרילצן די גרילן. אַ הויז,
וואו ס'פלעגן נאָך קינדער זיך שפּילן אין בערג און לענדער
און רודאַ — רודאַ — ראַנע.
אין ניו יאָרק אויף דער איסט-סייד איז אַ הויז געשטאַנען.
דאָס הויז, דאָס הויז מיט היימישע שוועלן —
מיט אַלטע מייסטערס און יונגע געזעלן.
און איך, אַ גאַסט אויף אַ וויַיל, זע, ווי ס'פאַלן די ציגל
און ווי אַמאָל, אַמאָל, דורך דעם זייל פון שטויב, שטייג איך
אַרויף צו דער זון.
. . . אין ניו יאָרק אויף דער איסט-סייד, אונטער דער נייער מויער,
וועט ליגן פאַרגראָבן אַן אַלטער טרויער.

בענקשאַפט

אַ, ווי איך האָב געבענקט נאָך זיי — די יינגלעך און מיידלעך, וואָס
פלעגן פונעם שטעטל דורך „מאַטשקעס גאָרטן" אוועק קיין אַמעריקע.
איך פלעג זיי באַגלייטן אין חלום אויף צוגן, אויף שיפן,
דורך דאַנציג, האַמבורג, ברעמען.
איך פלעג גיסן מיט ביטערע טרערן אויף די בריוולעך „געבע גאָט
פון דיר דאָס נעמלעכע צו הערן".
דורך אַלע מיינע יאָרן איז מיין חלום זיי נאָכגעפאָרן.
און איצט, ווען נאָך אַלע מיינע וואַנדער-וועגן איך האָב זיי אין
ניו יאָרק באַגעגנט, ווי טאַטעס און זיידעס, ווי מאַמעס און באָבעס,
מיט הייזער און קיך-אייז-קאַסטנס, מיט צירונג און אויטאָמאָבילן —
קען איך אַלץ נאָך אין מיר מיין טרויער נישט שטילן,
גייט נאָך אַלץ אין מיר אויף מיין בענקשאַפט צו זיי —
ווען זיי זענען נאָך יונג געווען און דורך „מאַטשקעס גאָרטן"
אוועק קיין אַמעריקע...

ר׳ משה לייב סאַסאָווער אויף אַ יאַריד

די חדר־ייִנגלעך מיט פּאָקן און מיט מאָזלען
לויפן נאָך די קונצנמאַכערס אויף די שטראָזן.
די שטיבער זענען אָפן. אויפן טריניזשיק ס׳פייער
טליעט אוים דאָס לעצטע שפּענדל
און קאַלט ווערן די קאַרטאָפל אין ערדענעם פענדל.

און שיכור איז די שטאָט. אויף גאָטס באַראָט
געלאָזט די קינדערלעך אין וויגן.
זיי וויינען, שרייען, און ס׳טוט קיינער זיי נישט הערן,
נאָר זלידנע פליגן טרינקען זייערע טרערן.

נאָר איינמאָל אין אַ יאָר אַזאַ מין זשויבן, —
גויים קלאַפּן צו ייִדן אין די הענט,
די זון אין מיטן הימל שרפעט, ברענט,
און אין די שטויבן
אויף דער ערד
הירזשען דאַרשטיקע גאָטס באַשעפענישן —
די מידע פערד.

אַ יאַריד אין סאַסאָוו. ווי אין טויזנט בינשטאָקן
פאַרזשומט דער רויש פון וואַלד און פעלד דער סוד.
— „געלאָזט אַ שטאָט אויף הפקר" — קלערט דערשראָקן
משה לייב פון בראָד.

„באַשעפער דו, ווי קען מען זיך אויסמאָלן,
אַז אין געיעג נאָך אַ גראָשן אויף די מערק,
מען זאָל פאַרגעסן די שיינקייט פון טאָלן
און די גרויסקייט פון דיינע בערג.

אין האָוועניש נאָך דעם בידנעם גראָשן
די קינדערלעך, די קרעציקע, מען פאַרגעסט" —
און צו זייערע קעפּלעך אין פייער-גלאָשן
לייגט צו משה לייב אַ קאַלטן קאָמפּרעס.

און מיט קאַנען פון מיקאָלאַי'ס ברונעם
טראָגט ער וואַסער פאַר די פערד די שטומע.
שפּאַנט זיי אוים אין קילע ערטער
און רעדט פאַר זיך אָט די־אַ ווערטער:
הייליקע נשמות, טוט אייך מיען,
אַז די קעפּלעך פון אונזערע קינדער זאָלן מער נישט בליען...

אַזאַ מין גרויסער יאַר-יאַריד

אַ יאַריד. אַזאַ מין גרויסער יאַר-יאַריד —
און איך בין אויכעט דאָ און איך בין מיד.
אַ שטויב אויף אַלע שטראָזן, וועגן, וויליצעס און ליקלער,
און סוחרים האַנדלען און זענען גליקלעך.
קאָלירטע סטענגעס, געפייף אויף דודקעס און קלאַרנעטן,
געקלאַפּ אין הענט — מען לאָזט זיך אין געוועטן.
אין שענק ביי בעריש לאַנדע
טרינקען גויים ביר און פרעסן סאַלע
און אַלע, אַלע האַנדלען.
נאָר איך בין מיד אויפן גרויסן יאַר-יאַריד.
מען קלאַפּט די פערד אין הינטנס —
מען האָט זיי אויפגעמונטערט ;
ווי לאַשיקלעך געזונטע
זיי הירזשען אויף די שטראָזן —
און איך בין אויכעט דאָ —
אַן אַלטער ייד וואָס מאָזלט.
צו וואָס האָב איך אַהער געוואַנדלט ?
סיידן גאָר מיט שטומעניש צו האַנדלען.
ס׳ווערט אָוונט. די בריטשקעס און וועגענער געשפּאַנט,
גלעקער קלינגען דאָס אָווע-מאַריאַ-געזאַנג
און אויפן ראַטהויז — אַ פלעמל פון לאַמטערן.
אָט באַלד און מ׳וועט פאַרהאַקן טיר און טויערן —
גאָט מיינער, טו מיין תפילה הערן,
טו אַן אוצר מיר באַשערן,
וואָס קיינער, קיינער האָט אים נישט פאַרלוירן.

ניו-יאָרק, 1949

אינהאַלט:

זייט

אַ גאַסט אין פאַרנאַכט

ליד — 9
פרילינג — 10
תפילה פון מיין מאַמען פאַרנאַכט — 12
אַ גאַסט אין פאַרנאַכט — 14
מיר חלומט זיך אַמאָל — 15
זון־פאַרגאַנג אין שטאָט — 16
הויכער, שלאַנקער סאָסנע־בוים — 17
שטיל־לעבן — 18
אָוונט אין די בערג — 19
אַ חתונה אין האַרבסט — 20
איך, וואָס וועל דיך נישט געפינען — 22
דאָרף־גייער — 24
מיין היים — 25
קאָשמאר־ליד — 26
נאַכט אין די בערג — 28
ביי דער שאַפע — 30
צו דיר — 31
דאָס יינגל — 32
געזעגענונג — 33
אליין אין א גאָרטן — 34
אַ קינד אין הויף — 36
דעקאָראַציע — 37
פאַרן זון־פאַרגאַנג — 39
האַרבסט־ליד — 40

זייט

באָרוועסע טריט

ווי ס׳קריצט א מענטש זיין נאָמען — 43
פערד אין דער נאַכט — 45
דאַס געוועלב פון מיין פעטער — 47
האָט אָפּגעדאַרט דער לעצטער בוים — 48
אונדזערע מאַמעס שטאַרבן — 49
באַלאַדע פון זינגענדיקן פריזירער — 51
אַלטע מיידלעך — 52
איצט, ווען אַלע לאָמפּן — 53
לאָקאָמאָטיוו שניידט טיפער די נאַכט — 54
אַזוי האָבן זיי געטאַנצט — 56
נישט אָוועקגעשיקטער בריוו — 57
אין אַ האַרבסט־נאַכט — 58
פרילינג אויף דער זון־גאַס — 59
איך האָב נישט געזען — 61
איך האָב אויסגעדרייט דאָס ליכט — 62
אַ סך זאַכן — 63
לאָמיר נישט באַזינגען דאָס שיינע — 64
עלעגיע — 65
דערווייל — 66

לי־טאַי־פּע

דאָס אייביקע ליד — 69
ליד וועגן זאָרגן — 70
די דריי חברים — 71

זייט

די ווייסע און די רויטע רויז — 72
די יונגע פרוי אויפֿן טורעם — 73
די ווייטע פּלייט — 74
פרייד פון אַ זומער-נאַכט — 75
אַ בליק אין שפּיגל — 76
וואַנדערער כאַפּט זיך אויף אין
האַרבעריק — 77
דאָס רויטע צימער — 78
אַליין אין דער נאַכט — 79
דער פישער אין פרילינג-צייט — 80
געזעגענונג — 81
די אייביקע — 82
געזעגענונג — 83
די קללה פון מלחמה — 84
נאָך דער שלאַכט — 85
טויטע בלעטער פלאטערן — 86
שלאַכט אין דער מדבר גאָבי — 87
געשריי פון קראָען — 88
אויף חורבות פון אַלטע פּאַלאַצן — 89
אָדע צו נאַנקינג — 90

ווײַ און וואַנדער

קידוש לבנה — 93
האַרבסט אין מיין היים — 94
ס'האָט מיין מאַמע — 95
זון-פאַרגאַנג אויפן ים — 96
היים — 97
באַלאַדע פון אַ ווינטער-נאַכט — 98

זייט

היים — 101
נישט ער — 102
פאַרפאַלן, פאַרפאַלן — 104
אַזויפיל יאָרן — 105
פון מיין חורבן הויז — 106
אין דער איינזאַמקייט — 109
איך געדענק דיך קוים — 110
פרילינג — 112
די מעשה פונם דאָרפגייער שמעון — 118
אָוונט אין קישלאַק — 114
בענקשאַפט — 116
ס'איז מיר אומעטיק — 117
פרילינג — 120
און אז איך וועל קומען — 122
ווי וואונדערלעך דער נס — 123
פאָטאָגראַפיע אַלאַ מינוט — 124
אַזאַ אַלטער טאַנגאָ — 125
הינטער דער שטעטל — 127
אַ בלאָער נעפל — 128
איך כאַפּ די זון — 129
איך בין שוין אַ גרויסער — 130
טאַטע-מאַמע זענען קראַנק — 131
יוער און לעווע — 132
אַ טשאַטע שוואַלבן — 134
מען צענעמט אַ הויז אויף דער
איסט-סייד — 135
בענקשאַפט — 136
ר'משה לייב סאַסאָווער — 137
אַזאַ מין גרויסער יאָר יאַריד — 139

געזעצט און געדרוקט ביי
מארכטין פרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יארק
אייגנטימער: ישראל לאנדאן
438